UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 17-April 1959 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/2qp48948

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 17(1)

**Publication Date**
1959

**Copyright Information**
Copyright 1959 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

# 17

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



אַרויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב — און — שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון"

ניסן, תשי"ט — אַפּריל, 1959

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# אינהאַלט:


י. פ.: צום זיבעציק יאָריקן יובל פון ה. לייוויק . . . . . . . 3
וו. נאַטאַנסאָן: „דער סאָציאַל פילאָסאָפישער זין פון ה. לייוויקס גולם" . . 4
מלכה חפץ טוזמאַן: „אין די שפורן פון לייוויקס לידער שורות" . . . . 8
פּינטשע בערמאַן: „מיינע שטערן" (ליד) . . . . . . . . . 11
ל. פיינבערג: „ס ק ו ט ש נ אָ !" (ליד) . . . . . . . . . 12
אבא קליגער: „די איצטיקייט" (עסיי) . . . . . . . . . 13
מ. פערלמוטער: „ווען דו ביזט זוכה", „אַרויף מיט זילבער־שטראָם" (לידער) 17
נח גאָלדבערג: „דער זעלבסטמערדער" (דערציילונג) . . . . . . 18
מאָטעס דייטש: נאָטיצן בעתן לייענען (באַמערקונגען) . . . . . . 25
ד"ר דוד רעבעלסקי: „אָבער ניט געשטאָרבן!" (דערציילונג) . . . . 29
ברכה קודלי: „וואָס זוכסטו?" (ליד) . . . . . . . . . 35
שמעון וואוזעק: „ נ ש מ ה " (ליד) . . . . . . . . . 36
גאָלדע שלאָסבערג אָרפין: „די זון איז פאַרגאַנגען" (בילד) . . . . . 37
ז. בונין: „ י אָ ס ע מ י ט ע " (פּאָעמע) . . . . . . . . . 40
א. באַביטש: אַ פּאָר ווערטער וועגן מאיר בראָונס בוך . . . . . . 42
יצחק ניומאַן: דער ספר דניאל (עסיי) . . . . . . . . . 43
יצחקי: מכוח אייגענע און נאָענטע ענינים . . . . . . . . . 45
א. כראַבאָלאָווסקי: אַ יום־טוב פון יידישן בוך . . . . . . . 49
וויליאַם פרידמאַן: „ביים גרענעץ פון ירדן" (ליד) . . . . . . . 51
ליטעראַרישע נאָטיצן: . . . . . . . . . . . . 52
ערן־רשימה פון מיטבויער פון זשורנאַל „ ח ש ב ו ן " . . . . . . . 56


---


## "CHESHBON"

*Review of Literary and Cultural Activities*

רעדאַקציע ראַט: וויליאַם נאַטאַנסאָן און נח גאָלדבערג

מיט רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צו:

I. FRIEDLAND

4375 Sunset Drive — Los Angeles 27, Calif.

מכוח ענינים פון שרייבער קרייז, ווי אויך די באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט, ווענדעט זיך צו אונדזער סעקרעטאַר:

A. CHRABOLOWSKY, 1312 Lyman Pl., Los Angeles 27, Calif.

10C



# צום זיבעציק יאָריקן יובל פון ה. לייוויק

אונדזערע האַרציקסטע ברכות און וואַרעמע באַגריסונג צום גרויסן באַרימטן דיכטער, ה. לייוויק, צו זיין זיבעציק יאָריקן געבוירנטאָג.

מיר ווינטשן אים אַ גאָר גיכע רפואה שלימה און אַריכת ימים. דער ביטערער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז צו זיין ווערן אַ בן־שבעים זאָל ער דאַרפן זיין אַ צו־געשמידטער צום קראַנקן־בעט.

די אַרויסגעבער פון „חשבון", די רעדאַקציע, מיטאַרבעטער, אַלע יידיש לייענער און פאַרערער פון אייער גרויס שעפערישן טאַלאַנט, חשובער לייוויק, זיינען מתפלל פאַר אייער באַלדיקן געזונט ווערן. איר זאָלט נאָך לאַנג, לאַנג זיין מיט אונדז און קענען ממשיך זיין אייער וואונדערלעך וואָרט און ליד.

איר, וועלכער זיינט איבערגעקומען אַ סך שווערע נסיונות, ראַנגלענדיק זיך מיט כלערליי האַרבע און שווערע איבערלעבונגען; ווי איר זינגט אין אייער ליד:

די וועלט נעמט מיך אַרום מיט שטעכיקע הענט
און טראָגט מיך צום פייער און טראָגט מיך צום שייטער;
איך ברען, און איך ברען, און איך ווער ניט פאַרברענט —
און הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

ו. נאַטאַנסאָן

# דער סאָציאַל־פילאָסאָפישער זין פון ה. לייוויק׳ס „גולם“

(פראַגמענט)

**מהר״ל:** אָ, וואָס האָסטו געטאָן? צי ווייסטו, זאָג?
**גולם:** פאַרגאָסן בלוט.
**מהר״ל:** צי ווייסטו וועמענס בלוט דו האָסט פאַרגאָסן?
**גולם:** יידיש בלוט.
**מהר״ל:** (פאַלט צו מיטן פנים צום עמוד, וואו עס ברענען שבת־ליכט).
אויף מיין קאָפּ פאַלט דאָס בלוט, אויף מיין קאָפּ . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב געוואָלט פאַרמיידן בלוט, און בלוט פאַרגאָסן;
און אויף דער האַק האָב איך זיך פאַרגעסן.
אָ, וואָס וועט איצטער זיין !

**גולם:** וועסט זיין מיט מיר.
**מהר״ל:** און איך וועל בלייבן דאָ מיט דיר, מיט דיר...
אָט באַלד וועלן די ליכט זיך אויסלעשן,
וועט ווערן פינסטער — וועלן מיר צוזאַמען
אַזוי זיצן. דו — מיט דיין פאַרבלוטיק האַק
און איך... (זינקט אַרונטער ניט פאַרענדיקנדיק זיינע ווערטער).

גאָר נישט ווייט האָט עס געהאַלטן דערפון, אַז עס זאָל איינגאַנצן פינצטער ווערן, און דער וואָס האָט געדענקט איבער דער פויסט צו געוועלטיקן, זאָל אַליין אונטער דער שליטה פון דער פויסט אַרונטערפאַלן. שיעור, שיעור איז עס גע־קומען דערצו, אַז דער וואָס האָט אַריינגעבלאָזן אַ נשמה אין אַ פרעמדן גוף, זאָל אַליין באַווירקט ווערן פון דער גופידיקייט פון פרעמדן גוף, וועלכער האָט געזאָלט אויסגענוצט ווערן ווי אַ מיטל פאַר הייליקן צוועק. ערשט ווען דער מהר״ל דער־זעט זיין טאָכטער אַן איינגעקלאַמערטע אין די אָרעמס פון גולם, רייסט ער זיך אַרויס מיט אַ צוריקגערופענער קראַפט פון גולם צושטאַנד.

און דאָ ווערט פאַר אונדז געשטעלט אין זיין גאַנצער שאַרף און טיף די אַלטע אָבער שטענדיק נייע פּראָבלעם פון דער ראָל פון פיזישער מאַכט און קאַמף און אין ווידערשטאַנד.

פון ערשטן מאָמענט אָן, ווען דער מהר״ל האָט פאַרטראַכט דעם באַשאַף פון אַ גולם, וואָס זאָל געבן אַ נייעם ענטפער אויף דעם אַלטן בלוט־ביבול, האָבן זיך אין זיין נשמה פאַרזעצט אָן אַ שיעור ספקות וועגן דער ווירקזאַמקייט און באַרעכ־טיקונג פון פויסט. קיין איין מינוט רו האָבן אים די דאָזיקע טיף־שניידנדיקע

---

ס׳איז אונדזער האַרצנספולע האָפענונג, אַז איר, דער מאָראַליש־עטישער געוויסן פון אונדזער יידישער ליטעראַטור, וועט אונדז און איך ביישטיין דעם איצטיקן מאָמענט פון צער און זאָרג, און ברייננען איך די הייס־געוואונטשטע רפואה שלימה — זיך אויפהויבן פון אייער קראַנקן־בעט און ווייטער און ווידער שפּאַנען איבער יידיש־לאַנד מיט אומאונטערבראָכענער שעפערישקייט. **י. פ.**

ספקות ניט געגעבן. זיין פארטראכטער פלאן עפנט פאר אים איינצייטיק אי קוואלן פון פרייד, אי קוואלן פון לייד. זיין נשמה ווארפט זיך הין־און־צוריק צווישן א טיפן עגמת־נפש און א שטארקן נחת־רוח.

אט פריידט זיך דער מהר"ל דערמיט, וואס „די גרויסע שעה פון וואונדער קומט צוזאמען מיטן טאג", און ער זאגט:

און אז איך קוק אויף אט־דעם גרויסן גוף,
וואס מיינע פינגער האבן אויסגעקנאטן און באהעפט,
שוין זע איך ווי עס שפאנט אהער זיין שאטן,
דער שאטן פון א לעבעדיקן שוין . . .

און א ווײַלע שפעטער פרעגט שוין דער מהר"ל:

ווער איז דורכגעפלויגן מיר פארביי די אויגן,
מיט עפעס שטעכעדיקעס אנגערירט מיין שטערן,
מיט עפעס גרילצענדעס געשריען מיר אין אויער?

און באלד ווידער שרייט ער אויס:

. . . א, שטארק מיך, בורא עולם.
איך האב אין מיטן פון מיין האפערדיקער פרייד
דערזען א צווייטן שאטן פון דעם גרויסן גוף.

די געשטאלט פון גולם וואקסט אויס פארן מהר"ל'ס אויגן, און זאגט צו אים קלאר און שארף:

איך בין געקומען ווארנען דיך:
באשאף מיך ניט;
ניט נעם מיך פון מיין רואיקייט אוועק.
איך זאג דיר נאך אמאל און ווארן דיך:
באשאף מיך ניט!

דאס איז די שווערסטע רגע פארן מהר"ל; ער בעט גאט, אז אין דער דאזיקער רגע זאל ער אים העלפן אין זיינע וואקלענישן. אויף דער טענה פון דער געשטאלט: פארוואס ער האט זי א גאנצע נאכט געקנאטן און געפורעמט מיט קאלטקייט און רציחה? ענטפערט דער מהר"ל, אז גאט האט אים געשיקט, ער זאל זי קנעטן און זי אפטיילן פון שטיינערדיקן באדן, און מיטן ערשטן שיין, וואס צינדט זיך אן אין הימל, אריינבלאזן אין איר א לעבעדיקן אטעם.

דו ווערסט באשאפן ניט אזוי זיך לעבן,
נאר גרויסע וואונדער טאן, באהאלטן און פארבארגן!

אבער ניט גאנץ זיכער, זעט אויס, איז דער מהר"ל אין דער קאטעגאריש־קייט פון דעם דאזיקן באפעל פון גאט. די שרעק און דער צווייפל צערייסן זיין נשמה אויף צוויי. נאכדעם ווי די געשטאלט ווערט צעפלאסן אין דער פינצטער־ניש, רעדט דער מהר"ל צו זיך אליין וועגן דער פינצטערניש. שרעק און טרויער, פיין און איינזאמקייט גנבענען זיך אריין אין זיין נשמה אין די מאמענטן, ווען ער שאפט א פיזישע קראפט, וועלכע דארף ווערן א מיטל פאר דער דורכפירונג פון באמת גרויסע און הייליקע צילן.

מיט אָט־דעם געדאַנק און פּלאַן צו שאַפן אַ ריין פיזישע געשטאַלט, וואָס זאָל אויף אַ קאַלטבלוטיקן אופן ברוטאַל קעמפן פאַר דעם, וואָס איז שיין, גערעכט און דערהאבן, קומט אײַנציייטיק אויך דער געפיל, אַז אַן אויסגעטיילטע און אָפּגעזונדערטע ברוטאַליטעט, וואָס זאָל ווי אַ מיטל אַרבעטן פאַר העכערע צילן, קאָן ניט פירן צו קיין גוטעס. אין אַ צו נאָענטער חברשאַפט מיטן בער, איז פאַראַן אַלעמאָל די געפאַר, אַז דער מענטש זאָל ווערן גיכער ב ע ר י ש, איידער דער בער זאָל ווערן מענטשלעך. עס דראָעט אַלעמאָל די געפאַר, אַז דער שלעכטער מיטל זאָל צו קיין אַנדער זאַך ווי צו שלעכטס ניט פירן.

אין די ווערטער, אין וועלכע, יצחק, דעם מהר״לס תלמיד, גיט איבער זיין חלום צום רבין, פילן מיר די שפּירונגען און זעאונגען וואָס לאָזן ניט רוען די נשמה פון מהר״ל. אין די דאָזיקע ווערטער קומען צום אויסדרוק די פאַרגעפילן, וואָס לאָזן ניט דעם מהר״ל באַפעסטיקט צו ווערן פון אַ פעסטער איבערצייגונג מכוח דעם מענטשנס שייכות צו דער פויסט און צו דער האַק — סימבאָלן פון פיזישער מאַכט.

דער גולם קומט צום לעבן.

דער מהר״ל זעט קלאָר און דײַטלעך די גאַנצע געפאַר, די גאַנצע שרעק און פּיין, וואָס זענען איינגעוועבט אין דער גולמדיקער געשטאַלט פון דער פיזישער מאַכט; דאָך באַשליסט ער צו שטעלן דעם גולם אין דינסט פון זיין דערהויבענעם צוועק. דער ענטפער אויף דער פראַגע: פאַרוואָס ער טוט אַזוי? אַנטפּלעקט זיך צו אונדז אין די „אַנטפּלעקונגען״—אין שענסטן און שטאַרקסטן בילד פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע.

דער מהר״ל זאָגט צו זיך אַליין:

סכנות גרויסע לויערן אויף אונדז.
די קומען אָן, די שטייען שוין אַהינטער אונדז.
דו עפנסט מיר די אויגן און איך זע זיי:
בלבולים, בלוט און פייער און — פאַרניכטונג.
איך ווייס, צוזאַמען מיטן אומגליק קומט די רעטונג,
אויף דער שווערד ווערט אויך די טרייסט געבראַכט,
און אין דעם שוואַרצן פלאַם באַהאַלטן ליכט
די ליכטיקייט פאַר אונדז.

דער מהר״ל האָט דערפילט, אַז ניט נאָר איז גרויס און הייליק דער צער, נאָר, אַז גרויס און הייליק איז אויך דער מאָמענט פון אומגעדולד, דער מאָמענט פון נאָך גרעסערער עקשנות, ווען מען מוז אויפהויבן די גאַנצע האַנט מיט אַלע פינגער. דאָס איז דער מאָמענט, ווען מען מוז פאַרגעטערן און הייליק האַלטן די פיזישע מאַכט. דער מהר״ל הייבט אָן צו באַטראַכטן די פיזישע מאַכט ווי אַן אויסדרוק פון דעם וועלט־גייסט, אַ ניצוץ פון דער געטלעכקייט. עס הייבט זיך אים אָן צו דוכטן, אַז די אמתע געשטאַלט פון דעם גולם, דער סימבאָל פון דער פיזישער מאַכט, איז גאָרנישט אַזוי עקלהאַפטיק; ערגעץ־וואו מוז פון אים, פון דעם מוגושמדיקן גולם, אויף וועלכן עס איז אופן, אין אַ געוויסן מאָמענט אַמווייניקסטן, אַרויסשלאָגן אַ הייליקייט און אַ דערהויבונג. דערפאַר בעט זיך דער

מהר״ל ביי דעם רבונו של עולם, אַז די שרעק זאָל אים ניט צעטומלען און ניט פּאַרפינצטערן אויף דער עלטער זיינע אויגן, כדי ער זאָל קענען קוקן זיין אמתער געשטאַלט גלייך אין פּנים אַריין.

זיין אמתע געשטאַלט וועט מוזן זיך אַנטפּלעקן,
ווייל ער איז דיינער...

די פּראָבלעם: יאָ אָדער ניט פיזישע מאַכט, און צי ליגט יאָ אָדער ניט וועגן עס איז די רעטונג אין דער פיזישער מאַכט? — בלייבט ניט פאַרענטפערט, ווי דאָס דאַרף אפשר בלייבן אין אַ גרויס קונסט־ווערק. אַמווייניקסטן בלייבט עס ניט פאַרענטפערט אינם גראַנדיעזן בילד „אַנטפּלעקונגען.״

און ווען דער מהר״ל חזרט איין איינס נאָך דעם אַנדערן מיט דעם גולם דאָס וואָרט „בלוט״, און ווען ער זאָגט קורץ און שאַרף צום גולם: „איך רוף דיך, קום!״ פאַרגייט זיך תנחום, אויסרופנדיק:

ר אַ ־ ט ע ־ וו ע ט...
ווער וועט ראַטעווען? ווער?
ווער קאָן ראַטעווען? האַ?
ווער קאָן ראַטעווען? ווער?

ווי אַזוי זאָל זיך ראַטעווען אַ פאָלק, אַ געזעלשאַפט? זאָל דער רעטונגס אופן זיין אַן אַקטיווער אָדער אַ פּאַסיווער? זאָל אין קאַמף פאַר גערעכטיקייט די שווערד געצויגן ווערן און זאָל בלוט פאַרגאָסן ווערן? און אויב יאָ, טאָ ווען? ווי אַזוי? צוליב וואָס און דורך וועמען? דאָס זיינען די שאַרפסטע, טיף אין דער־נשמה־שניידנדיקע פראַגן.

צו איין זיכערן שלוס, זעט אויס, איז די מענטשהייט יאָ געקומען אין צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט, און דאָס איז, אַז קאַמף איז הייליק און דערהויבן און אַז די עקלהאַפסטע זאַך אין דער וועלט איז ניט צו ווידערשטיין.

גאָר אַ סך מענטשן שרייבן שוין איצט צו הויכע עטישע ווערטן דעם קאַמף און דער ווידערשטאַנד. די גערעכטיקייט ווערט איצט אַ סך שטאַרקער איידער די ליבע געשטויסן צום פאָדערגרונט.

כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט איז די לערע פון פּאַסיוון ווינדערשטאַנד, ווי זי איז פאָרמולירט געוואָרן פון גרויסן אינדישן פירער גהאַנדי. אויך גהאַנדי ווערט, ווי לייוויקס מהר״ל, אויף שטיקלעך און ברעקלעך צעריסן אין די טיפע־נישן פון זיין נשמה פון דעם קאַמף וואָס גייט אַן צווישן די פינצטערע און ליכ־טיקע זייטן פון אַקטיוון קאַמף.

דער שטאַרקער געפיל פון גערעכטיקייט, וואָס גייט אינאיינעם מיט מענטש־לעכער שטאָלץ און ווערדע, לאָזט דער מהרל דערשפּירן, אַז ערגעץ־וואו אין דער פויסט און אין דער שווערד ליגט פאַרבאַהאַלטן אַ מאָראַלישע ליכטיקייט.

דער גייסט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט שטעלט דעם טראָפּ אויף געפיל, ווילן און גערעכטיקייט. עס איז דער דאָזיקער צייט־גייסט, וואָס האָט געטריבן גהאַנדין צו האַסן גוואַלדטאַט, צו טשעלן די פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט העכער, פאַר דעם געבאָט: ניט באַגיי קיין גוואַלדטאַט!

גהאַנדי זאָגט אויסדריקלעך: „איך וואָלט ליבערשט געזען אינדיע אַ באַ־פרייטע דורך גוואַלדטאַט, איידער אין קייטן געשמידט ווי אַ שקלאַף צו פרעמדע אונטערדריקער.“ און ווייטער: „וואו נאָר עס איז אַ פראַגע צווישן פחדנות און גוואַלדטאַט, ראָט איך גוואַלדטאַט... איך קולטיוויר דעם רואיקן קוראַזש פון שטאַרבן ניט הרגענענדיק. ווער עס האָט אָבער ניט דעם קוראַזש, רעקאָמענדיר איך אים דעם קוראַזש פון הרגענען און ווערן געהרגעט ליבערשט, איידער צו אַנטלויפן פון געפאַר אויף אַ שאַנדהאַפטיקן אופן.“

פאַר די, וואָס שטעלן זיך אָפּ אויף דעם שטאַנדפונקט פון קאַמף און פאַר די, וואָס ווילן אין דער אייגענער צייט אָנפירן דעם קאַמף נאָר אין ליכט פון מאָראַל; פאַר זיי איז די פראַגע: „וואָס דאַרפן זיין די וועגן און מיטלען פון קאַמף?“— איינע פון די שאַרפסטע און פּאַרוויקלסטע פראַגן, מיט וועלכע דער מענטשלעכער געדאַנק שטויסט זיך אָן היינט־צו־טאָג.

די טראַגעדיע פון דעם מהר״ל איז אין יעדן זין די טראַגעדיע פון יעדן איינעם, וואָס איז אַנטשלאָסן ניט אַנדערש ווי נאָר אינם ליכט פון מאָראַל אָנצופירן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן אונטערדריקונג אין אַלע פאָרמען און קעגן עקספּלואַטאַציע אין אַלע אירע אויסדריקן.

דער גולם, סאָציאַל דערבליקט, פאַרשאַרפט און פאַרטיפט די פּראָבלעם פון די שייכותן צווישן פיזישער און גייסטיקער מאַכט אינם קאַמף פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אַן אידייע.

דער מהר״ל פילט און שפירט מיט אַלע זיינע אברים, אַז עס איז פאַראַן אַ געוויסע מאָראַלישע הויכקייט, אַ געוויסער הייליקער ציטער פון גערעכטיקייט אין דעם פינגער, וואָס זאָל אַרויפוואַרפן אַן אימה אויף די אָנגרייפער. די ווירבל־דיקע קאַמף־שטורעמס רייצן צו שטאַרקייט פון זיין ווילן און דעם שטאָלץ פון זיין פערזענלעכקייט.

---

מלכה חפץ טוזמאַן

## אין די שפורן פון לייוויקס לידער־שורות

„ס׳איז וואָר אַז חורבן שטימט ניט מיט סאָנעטן,<br>
אָון פרילינג איז קיין פאַר נישט צו פאַגראָם,<br>
און ווי עס גראַמט זיך נישט אַ פידל מיט אַ לאָם,<br>
אַזוי אויך גראַמט זיך נישט: תלינים מיט פאָעטן.<br>
נאָר אויב דאָס וואָרט אַליין פון זיך נעמט שפעטן<br>
און הייבט אָן אָנשוועלן מיט אומגליק ווי אַ שוואָם —<br>
פאַל דעמאָלט צו צום ערשטן פרילינג־שטראָם<br>
אַ פרישן טראָפן פאַר דיין צונג צו בעטן.“

וויפיל מאָל איז שוין לייוויק צוגעפאַלן צום פאַרטייעטן שטראָם אַ פרישן טראָפּן בעטן? אַזוי פיל מאָל ווי לידער קומען אויף אין אים. פון ווען אָן לויערט לייוויק ביי דעם־אָ קוואַל? אַזוי לאַנג ווי לידער יערן אין אים. ווער ווייסט ווען ליד הייבט אָן וואַקסן אין דיכטער? וואו דער אָנהייב פון ליד וואָרצלט ?

ליוויקס יינגלשע פאַרצווייפלונג פון די פריע חדר־טעג זיינע האָט זיך קיינ־מאָל ניט אָפּגעבונדן פון זיין געדיכטן, טיפן לידער־וואַלד. דאָס חומש מעשהלע, עקדת יצחק, קריצט אַריין אין זיין קינדער־קעפּל אַ פראַגע־צייכן וואָס בלייבט שוין דאָרט אויף אַלע יאָרן:

„צי טאָר אַ לײדיקער דער שטיין־מזבח נישט פאַרבלייבן?
צי עמעצנס אַ גאָרגל מוז געשניטן ווערן סיוף?
איך האָב מיין האַרצוויטאָק מיט קיינזאַך ניט געקאָנט פאַרבייטן,
אין אַנגסט־חלומות אומגעוואָרפן זיך ביז אינדערפרי."

וואָלט דאָס יינגל לייוויק פאַראויס געוואוסט אַז דער ו י ד ע ר וועט דעם אָרט פאַרנעמען אויף דעם מזבח, וואָלט ער אפשר פאַר יצחקן גאָט ניט געבעטן ווען דאָס מעשהלע האָט זיך געהאַלטן אין אויפראַלן פאַר אים. פאַרוואָס מוז אַ צווייטער דעם אָרט פאַרנעמען? פאַרוואָס האָט זיך גאָט ניט באַנוגנט מיט אַברהמס גרייט זיין אויסצופילן זיין רצון? איז דאָס דער סדר פון דער וועלט? און דאָס יינגל לייוויק פיבערט איבער דעם, און דער גרויסער לייוויק פאַרפירט אַ קאַמף מיט דעם ביז אויף היינטיקן טאָג. און דעם שטרייט פירט ער דווקא אין סאָנעטן. וואָס איז דען סאָנעט? דאָס איז לויטער סדר.

אַלץ אין אוניווערז איז לויט אַ סדר, אַ פורעם. דעם פורעם האָט גאָט פון תוהו געפורעמט; ער האָט עס פון ליים געקנאָטן, מוז דאַרום אַלץ זיין אין גאָטס אָפּבילד—סדרדיק. אויך דער כאַאָס פון וואָרט, פון קלאַנג מוז געפורעמט ווערן ביז אַ שכלדיקסטן סדר און: „חורבן" שטימט יאָ מיט „סאָנעט".

„פון דעם לאַנד דעם פאַרבאָטענעם
ביז דעם לאַנד דעם באַטראָטענעם
איז אפילו קיין שפּאַן
גאָר צומאָל ניט פאַראַן.
צווישן וואַלד־וואָיען חיהשע
און נבואות ישיהשע
אויף אַ האָר טויאיק־דין
הענגט דער מענטשלעכער מין."

און אָט־דעם קליינעם שפּאַן האָט דער מענטש זיך ניט אויסגעלערנט צו מאַכן. וועט דער מענטשלעכער מין שוין אייביק פלאָנטערן אַרום שפּאַן וואָס פירט צום גן־עדן? איז דאָס גאָטס פינגער וואָס ציט די שטריקלעך פון זיין מאַריאָנעטן־שפּיל? אויב אַזוי וואָלט דאָך דאָס גאַנצע זוכעניש געווען נוצלאָז. דאָ הערט אויף דער קאַמף מיט מענטש און ס'הייבט זיך אָן דער פאַרמעסט מיטן אַלמעכטיקן. דער דיכטער האָט זיך מיט זיין גאַנצער נשמה אַהין אַ צי געטאָן. ביי א י ם אַליין דאַרף דער דיכטער אויפמאָנען די לאָמטערן וואָס וועט באַלייכטן דעם טראָט, דעם שפּאַן, און דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָטענע וועט ווערן דאָס לאַנד דאָס באַטראָטענע.

דאָס געיאָמער פון יעדן קרבן ציט זיך דאָך צוזאַמען מיטן ליכט פון שייטער־פלאַמען צו די הייכן. דער וואָס צעצינדט דעם שייטער איז אויך אַ גליק־זוכער; אויך ער זוכט דעם גן־עדן אין פאַרפלאָנטערטן שפּאַן.

„פון אַ שטראַל אַ פאַרשפּונענעם
אויף אַ טוי אַ צערונענעם
האָט דער פריער באַגין
מיר אַנטפּלעקט פולן זין !"

דער זין איז „ליב צו האָבן." אויסוואָרצלען יעדן פונק פון פיינטשאַפט און דערזען דאָס גרויסע אַנטפּלעקונג אַז „דו" ביזט „איך" און „איך" בין „ער" און „גליק" איז „רו".

נישטאָ קיין רו אין שנאה. רו שליסט אויס קנאה, שליסט אויס גוואַלד און שליסט אויס מאָרד.

וואָס־זשע טוט מען מיטן תליון? דערווייל איז ער פאַראַן ווי פיינטשאַפט איז פאַראַן; ווי דער גענאַרטער טראַכט צו רו איז פאַראַן. וואו נעמט מען כּוח ליב צו האָבן דאָס שעפּעלע—דעם קרבן און אויך דעם וואָלף—דעם פאַרצוקער? איז ניט גענוג: ליב צו האָבן גוטסקייט און זיך אָפּקערן פון שלעכטסקייט? זיך מיאוסן פון שלעכטסקייט? אָדער דאַרף דער דיכטער נאָך העכער שטייגן?

דער וועג פון דיכטער איז דורך „גלויבן". אַלזיין כּוח קוואַלט פון גלויבן. ער האָט פיל שוין אויסגעגלויבט און אָנגעיאָגט דעם וואָס „שפּאַנט דורך נאַכט און וואָגל און טראָגט ליכט אויף זיינע באַקן, און אַן אויפגעבליצטע שמייכל־טרער אויף זיין ברעם." דאָס איז די טרער פון טרייסט, און טרייסט קען נאָר זיין אין גלויבן אַז

„דיין אויסלייזער איז דאָך אַנטקעגן דיר, דיין טרייסטער.
איך האָב מיט דאַנק און פאַרטקייט געגנט צום אָרט
וואו ס'האָט געראָט דעם טרייסטערס שעמעוודיקע וואָרט."

יאָ, דעם טרייסטערס וואָרט איז אַ שעמעוודיקס ווייל עס איז אַ שטיל וואָרט. אַזוי פיל בייזע, שרייענדיקע צינגער באַפאַלן דאָס שטילע שעמעוודיק וואָרט! אַזוי פיל פינסטערניש רינגלט אַרום דאָס דינינקע שטראַלעכל ליכט וואָס ציטערט אויף זיין ברעם. נאָר אומדערשראָקן איז דער וועלכער גייט אַנטקעגן דעם טרייסטער.

דאָס גיסן זיך צוזאַמען צוויי סילועטן אין איין מיסטיש געשטאַלט: דער דיכטער און דער רואה ואינו נראה, און

„וואָרט צעוואַקסט זיך פלאַמיק
אינעם מאָרגן־רויט;
יעדער אות וועט טעמיק
שמעקעוודיק ווי ברויט."

דעמאָלט גייט שוין דער דיכטער מיט זיכערן טראָט. מיט געדולד פון אַ באַרג קלאַפּט ער אָן אין יעדן בלינדן שויב, אין יעדער טויבער וואַנט און וועקט:

„אַ תפילה־רוף,
אַ נאַכט־געבעט
צו דעם וואָס הערט,
צו דעם וואָס זעט.

אַ פרייד אַזאַ
אין שפּעטער שעה —
די אַלטע פרייד
וואָס גאָט איז דאָ."

און אַז גאָט איז דאָ, וועט שוין דער דיכטער דורכברעכן אַלע באַריערס, דורכגיין אַלע שפּאָטן, און אַלע געוואָרפענע שטיינער אין אים וועלן אָפּשפּרינגען און ער וועט אַלץ טראָגן דאָס שטילע שעמעוודיקע וואָרט ביזן סאַמע גרענעץ פון דער דערלייזונג און די טויערן פון גן־עדן וועלן זיך שוין אַליין עפענען.

און אַז גאָט איז פאַראַן, מוז סדר זיין. און אַז סדר איז פאַראַן, איז ליד פאַראַן און —

„פאַרוואָס דינען היינט יידישע דיכטער
מערער ווי נעכטן סאָנעטן ?
פאַרוואָס פאַרשניידן אַ בונד די ברידער פּאָעטן
און טרייסטן זיך איינער דעם צווייטן מיט לויטער סאָנעטן?"

ס'איז דערפאַר וואָס דער „היינט" איז נענטער צו דער גאולה ווי דער „נעכטן", מוז זיך היינט מער ווי נעכטן פורעמען און סדרן דאָס ליד.

---

**פּינטשע בערמאַן**

# מיינע שטערן

מיינע שטערן שימערירן,
ניט אין הימל, נאָר אויף ד'רערד—
גליט אַ פונק אין האַרץ וואָס צאַפּלט,
שיינט אַ בלענד אין אויג וואָס טרערט . . .

מיינע פייגלען זינגען לידער
ניט אין צעלן, נאָר אויף צווייג —
עכאָן פליגל אין די רוימען,
שטייט אַ ליידיקע די שטייג . . .

מיינע פלאַמען ברענען העלע
ניט אין לאַווע, נאָר אין בלוט —
שמעלצן קייטן זיך אין פייער,
צינדט און סמאַליעט זיך די רוט . . .

מיינע שטראַלן ראַדיאירן
ניט פון זונען אין דער הויך—
שפּאַרט אַ ליכט זיך דורכן חושך,
רייסט אַ בליץ זיך דורכן רויך. . .

ל. פיינבערג

# סקוטשנאָ! СКУЧНО!

זיי זיצן ביי דעם אָונט-מאָלצייט.
עס בלענדט כינעזיש פאָרצעלאַן.
אויף גרויע, שטאָלפנדיקע שטאָלצן
דער אומעט איבער צימער שפּאַנט.

ער זופּט פון טעצל שוואַרצע קאַווע,
פאַרבייסט מיט טרוקענעם ביסקוויט.
די ליפּ די אונטערשטע אים גאַווערט,
די אויגן שטאַרן צום סופיט.

זי שאַרט פון שטערן אָפּ אַ לעקל.
די אויגן וואַנדערן אַרום.
אין בליקן — האָס, געמישט מיט עקל.
דאָס יונגע מויל — פאַרשטשעמעט, שטום.

געהאַט אין לעבן ווייניק נחת,
געוואַרט אויף ליכטיקן באַשער—
מיט אים געהייראַט אויף להכעיס:
ס׳איז דרייסיק — זי און זעכציק — ער.

ר׳האָט איר געקויפט אַ שיינע ווילאַ
מיט ווענט פון ריין-געשליפן גלאָז,
געפאַרבט דעם אַלקער— ברוין און לילע,
דאָס גאַסט-צימער— אין גרין און ראָסט.

זי בליט — אַ גאַרנדיקע מלכה,
און ער— אַן אָפּגעלעבטער גביר.
און יעדע נאַכט אין לילן אַלקער
זי וויינט אין פינצטערן דעליר.

אין רייכן הויז דער לאַנגוויל געניצט
מיט ציינלאָזן, צעקרימטן מויל.
פון פרי ביז נאַכט — נישטאָ קיין גרעניץ,
קיין סוף נישט — צו איר פּיין און גרויל.

ער דרימלט איין, פון לאַנגוויל שיכור.
זי הויבט זיך אויף, פון לאַנגוויל מיד—
און ס׳מאַניעט אירע שטאַרע בליקן
דער לאָמפּן-הוק אויפן סופיט.

פּאַריז, מאַי, 1958.

**אבא קליגער**

# די איצטיקייט

(עסיי)

ניט פון אַ שטראָפּערס מויל קומען די רייד. זיי קומען אויך ניט פון הילכערס איבער די רוישיקע געמאַרקן. ווערטער וואָס וואַרגן, שרייען ניט — זיי בריען פאַרזאָטענע אין האַלדז און זענען שאַרפער ווי גערעדטע.

ניט אַלע אויערן קענען זיי אויפנעמען. ניט יעדער וואָס כאַפּט זיי אויף באַנעמט זייער מיין.

איז לאָמיר זיך איינהאָרכן אין די רייד. זיי זענען קלאָרע, כאָטש זיי לאָזן זיך הערן אין אַ צייט פול מיט רמזים און וואָרעניש.

וואָס איז צייט? צי האָט עס אַן אָנהייב־ענד, קענען מיר ניט זאָגן; אָבער תקופות, צייט־קלימאַטן, בייטן זיך, קומען און גייען.

אונדזערע איז די תקופה פון בין־השמשות, פון געבורט־ווײ און חבלי מיתה, פון ניט־קלאָרע דערוואַרטונגען וואָס פאַכען מיט איינגערעדטער האָפענונג און אָנגעיאָגטן פחד.

זי איז אין דער בחינה פון אַ געווינערין אין פּיין פון גסיסה, וועמענס נאָענטע רינגלען אַרום מיט שרעק פאַר דעם וואָס זי דאַרף אַרויסברענגען. וואָס אַזוינס — אַ מלאך צי אַ שד— ווייסן זיי ניט. אפילו דער פּראָפעסאָר וואָס וואַכט איבער איר, איז מסופק אין זיין דיאַגנאָז.

איר וועטער איז אומזיכער. הענגט שווער, אָנגעלאָדן איבערן געמיט מיט געוויכטער פון זאָרג, ספקות, מעגלעך— פאַרראַט.

* * *

דו, ער און יענער, וואָס הערן זיך איין, שטייען אין אומהיימלעכער צערודערונג, ווי געשטראָנדעטע ביים ראַנד פון אַ טיפן וואַסערפאַל, און קוקן היפּנאָטיש אויף אַן איינגערעדטן פּינטל וואָס, וועדליג ווי מיר ווערן פאַרזיכערט, טיילט פאַנאַנדער דאָס שוין־געשעענע פונעם נאָך־ניט געשעענעם.

יענע וואָס זשאָנגלירן מיטן גורל פון דער וועלט, לאָזן וויסן אַז ענדלעך דערפירן זיי אונדז דורכן שטראָם פון די איילנדיקע צייט־וואַסערן צו די טויערן פון אַן אַנדער תקופה, אַן אָנצופרעגן צי מיר ווילן ערגעץ געפירט ווערן, צי זענען מיר מסכים צו דער אויסוואָרצלונג און זיך לאָזן אויף גאָטס באַראָט.

אינעם שפּרייז וואָס הילט אונדז איין זעען מיר ניט, צי ווילן ניט זען דעם אומענדיקן רינג פון דער א י צ ט י ק י י ט וואָס האָט ניט קיין דורכשפּאַר. נו, שטאַרן מיר ווי שטערנזעער אין די פאַרנעפּלטע ווייטקייטן פונעם „אַמאָל איז געווען" צו געפינען אַ צעשטרעקטע ליניע צום „אַמאָל וועט זיין."

ווי אויף לויז־פאַרצויגענע דראָטן, גייען מיר פון איין פאַלוס צום אַנדערן און באַמיען זיך אויפצואווייזן אַז די צוויי מיטישע פּונקטן זיינען טאַקע פאַראַן וואו זיי דאַרפן זיין. מיר אַמפּערן זיך וועלכער פון זיי איז עכטער, נעענטער, און געפינען אויס אַז אויף צוריק קענען מיר ניט גיין. אויב אפילו יאָ, וואָלט עס געהייסן מרידה לגבי די בייזוואונדער וואָס דער „פּער פון דער צייט" פּלייסט זיך איינפירן. אויך גיין ווייטער קענען מיר ניט, אויסן פּשוטן שכל — מיר ווייסן ניט וואוהין.

ווער זאָל אונדז קלאָר־מאַכן אַז דאָס געוועזענע און נאָך־ניט־געוועזענע ליגט אינעם תחום פון אייביקן  א י צ ט ?

* * *

דאָס  א י צ ט י ק ס  וואָס איז אינצווישן די צווי איינגערעדטע עקסטרע־מען; וואָס נעמט אונדז אַרום פון יעדער זייט; אין וועלכן די תקופות פון צייטן האָבן זיך איינגעזאַמלט מיט זייער אַנגסט און בטחון, כדי מתקן זיין זייערע אָפּ־נייגונגען און טעותן — זען מיר ניט. מיר אַנען ניט אפילו אַז אָט־דיווירקלעכ־קייט איז דאָ און קיין צווייטע קען ניט זיין — דער זמן הווה וואָס רונדיקט זיך איבער אַלע דימענסיעס דורך דער צייט און מרחק, פריערס און שפּעטערס.

דער מיעוט וואָס איז מסוגל אַריבערצוקוקן די האָריזאָנטן, זעט דעם  א י צ ט  אין דער אין־סופיקייט, וואו עבר און עתיד באַגעגענען זיך, ווערן איינס, ווי די טייכן פון מזרח און מערב ווערן פאַראיינט אין ים.

דער מורד גייט צוריקוועג אויסצוגעפינען אַ יחוסדיקן געבורטשיין צווישן איינגעפאַלענע מצבות. דער פּחדן וואַרט אויף נסים פון שפּעטער. אין מיטן פאַרגרייטן די פּריסטער פון ניי־געבוירענע אָפּגעטער ריטואַלן פאַר זייערע שוואַרץ־קונצלערישע עובדות.

אויפן מזבח פון קאַניבאַלישע עבודה־זרות הייסן די זעלבסט־געקרוינטע משיחים מקריב זיין די איצטיקייט אין וועלכן דער דור פון דורות איז פאַרגרונ־טעוועט, פאַר אַ עתיד־לבוא וואָס צעוויגט זיך אין רויך פון זייערע בייזווייליקע קולטן, ווי אַ מיראַזש אין מדבר.

* * *

אָ־די „צוקונפט־וועלט" וואָס זעט זיי אויס נאָענט, וועלן זיי קיינמאָל ניט אָניאָגן, ווי מ'קען ניט אָניאָגן דעם מאָרגן.

אָן אַ  א י צ ט  איז נישטאָ קיין דערנאָך. אַוואו מיר קערן זיך, אָטעמט אין פּנים דער  ה י י נ ט.  ער איז אין אַלע אַרומען — דאָ, דאָרט, ווייטער און צוריק.

דער „בלויז" וואָס שיידט אָפּ דעם פריער און שפּעטער, איז אַ פּיקציע פון אָנגעצונדענע מוחות וואָס פלאַקערן איבער דער ערד מיט דאַנטעסקער אימה, ניט אָפּצוטרייבן, ניט איינצולעשן.

שטאָט אויפשטיין מיט פלאַמוואַרפערס אויסצוריייניקן דאָס שעדלעכע ווילד־גראָז אין עיגול פון דער שטענדיקייט וואָס  א י ז;  פאַרשאַרן, צוליב פּקוח נפש, דאָס מיסט און אויסטרוקענען דאָס געמויזעכץ וואָס פלאָדיעט מגפות, קוקן מיר אויף צוריק אין די גרויסע צייט־מרחקים און חלומען דעם חלום פון אַ „נייוועלט" וואָס האָט קיין תקומה ניט, קיין יסוד.

אַ חלום, נאָך איידער ער ווערט אויסגעחלומט, צערינט.

בלויז הווה און  ז י י ן  איז, טיקט, באַוועגט זיך היך־צוריק. ווי די ערד אין איר אָרביט, שטעלט זיך עס ניט אָפּ. איז ווייט־זעענדיק, ווייט גרייכבנדיק, אַלץ־אַרומנעמענדיק, ווי דער אמת וואָס האָט קיין פאַרענדער ניט, ווי דער הימל וואָס ווייסט ניט פון קיין גבול.

טאָג, נאַכט, פרילינג, האַרבסט, געבורט און טויט הערן ניט אויף צו זיין. די זון, כאָטש ס'דאַכט זיך זי פאַרגייט, האָט קיין שקיעה ניט.

* * *

ווען די זעלבסט־איינגערעדטע לומדים און אויפקלערער וואָס לויפן וואַנזיניק אַפריער די שווער־באַיאָכטע לאַסט־טרעגער פון לעבן, האָבן ניט געגעבן זייער דור קיין אָנשפּאַר, מחמת זיי אַליין האָבן עס ניט, וואַקלט ער זיך, דער דור, גלייבט ניט אין דער ניט־פאַרגענגלעכקייט פון זיין היינט און איז בלינד פון די אַרויפ־געצוואונגענע ברילן צו זען די רונדע פולקייט פון זיין קיום אין דער וועלט, מיט אירע זיסע און ביטערע סאָקן, אירע שעהן פון שבת און טעג פון שפלות, איר מיאונג, איר שכר.

דער דור פון אַקערער, זייער און שניטער, פון זוכער און שאַפער, איז טרוד מיט שפּינען די רעדער פון לעבן און קען ניט אָפּשפּאָרן אַ ווייל צו מערקן אַז ער איז געפירט פון בלינדע, פאַרפירער, קנאים און ליגנער און אַז ער הויערט איבער אַ תהום, אָן אַן עפּעס וואָס זאָל אים דערהאַלטן.

לערנט מען אונדז: מיר דאַרפן זיך איבערגעבן דעם ניט־פאַרמיידלעכן גורל צו ווערן אָפּגעווישט מיטן נשאר פונעם איצט וואָס פאַרגייט, אין נאָמען פון אַ העכערער אידייע, מחמת מיר זיינען עס דאָס באַשערטע בוי־מאַטעריאַל פאַר אַ מער גנעדיקערן ש פּ ע ט ע ר.

שפּעטער — —

ווי זאָל מען גלויבן און ווי זאָל מען טרויען די שקרנים אין אַן אידעאַלן באחרית, אַז זיי האָבן ניט קיין אמונה אינעם היינט וואָס א י ז.

ווי זאָל גלויבן און ווי זאָל מען טרויען זייערע הבטחות פאַר אַ שפּעטערן אהבת־עולם, אַז שנאת־חינם פּרעסט אויף דעם לעבעדיקן א י צ ט.

פאַר וועמען וויל מען אָנגרייטן אַ שפּעטער?

* * *

אַ טייכל טרינקט זיך אין פרעמדע וואַסערן, ווערט אָנגעשוואָלן און צעגיסט זיך פון רחבות, פלייצט וואו ס'דאַרף ניט, שוימט, כוואַליעט, שרעקט.

אָט ווערט עס איינגעשרומפּן ווי געווען און נאָך קלענער, פלאַכער, ביז דאָס נאַקעטע געלעגער פון זאַמד און שטיינער בלייבט.

קיינער קען ניט איבערשפּאַנען זיין אָנגעצייכנטן תחום אָן מפקיר צו זיין דאָס ביסל אייגנס וואָס ער האָט.

קיינער קען ניט אונטערנעמען אַ התחייבות וואָס איז גרעסער פון אים אַליין.

קיינער קען ניט דרינגען אין ניט־געטראָטענע ווילדן, אָן צו זיי אויסגע־שטעלט צו סכנה און טויט.

אַ־די זעלבסט־פאַרשטענדונג וואָס וואַכט אין דער זוניקייט פון דער קלענס־טער בריאה, וואָס אַ קינד באַנעמט אינסטינקטיוו איידער נאָך ס'מאַכט דעם ערשטן טראָט — דאָס האָט דער „נייער פּראָמעטעאוס" אין אַכט ניט גענומען.

מיט נאָכגעמאַכטע שליסל האָט ער געלאָזט עפענען די פאַרזיגלטע טירן וואָס י ע נ ע — עלטערע, קליגערע, און וואָס טראָגן אַ גרעסערע אַחריות פאַר אים — האָבן פאַרשלאָסן מקדמונים און מיט זייער חותם געגעבן אַן התראה.

אָן זייער לייטערונג, רשות און וויסן גריבלט ער זיך, דער איינגערעדטער בעל־מופת, מיט בלינדע אויגן און ליימענע הענט אין זייערע אָפּגעהיטע סודות פון באַהאַלטענע, ניט־געפּרואוווטע כוחות. אור־כוחות פון איידער צייט, איידער דאָס ווערן פון ז י י ן, דורך וועלכע דו, ער און יענער—דער סכום פון דורות

— ז ע נ ע ן, אין וועמענס חסד מיר גייען אָן אין פֿאַראייביקטן קיום פֿון דער וועט זינט צייט איז.

* * *

אַן אומדערפֿאַרענע חיה מיט שאַרפֿע נאָזלעכער און טעמפּע געהירן רויעט זיך אין אַ דערשמעקטן בינשטאָק. זי ווייסט ניט פֿונעם געפֿאַר און לויער און פֿונעם שפּעטערן פּיין.

געריי‌צט פֿון קינדישן נייגער און זינדיקע געדאַנקען, וואַרפֿן מיר זיך אויף סלאַיען אָנגעפּילטע מיט קריי‌טער, שטויבן און ריחות, וועלכע שטייען אין די פּורכטיקע קאַמערן פֿון פֿאַר ימי בראשית.

מיר זיינען צעטומלט. אונדז נעמט אַדורך גרויס אימה, אַ ציטערניש אין אַלע אברים. מיר האָבן שוין חרטה, הלוואַי וואָלטן מיר עס ניט געוועןגעטאָן. אָבער צוריקגיין קענען מיר ניט, כאָטש די טירן זיינען אָפֿענע.

פֿון אונדזער אַליין־אויסגעכאָוועטן גולם, וואָס האָט דעם חותם אויפֿגעריסן און די שלעסער אַראָפּגענומען, זיינען מיר געפֿאַנגענע, סיידן מיר זאָלן פֿריער אַריינבלאָזן אין אים אַ נשמה וואָס איז גרעסער פֿאַר אונדזערער, וועלכע מ׳לערנט אונדז לגמרי צו פֿאַרלייקענען.

אַ גוף אָן שכל, אָן האַרץ, אָן אחריות — ווי זאָל מען טרויען אַ גולם ?

„היט אייך. היט אייך"! וואָרענען קלוגע מענטשן. דאָס וויסן, געניצט מיט בייזע כוונות, איז ווי פֿייער וואָס וואָרעמט און פֿאַרצערט.

אויף די פּולע כלים מיט די געהיימע רעצעפּטן איז גאָרניט אָנגעשריבן. די וואָס האָבן זיי מיט גרויס זהירות אָוועקגעשטעלט פֿאַר אַלע אייביקייטן, זיינען דאָרט נישטאָ. קיינער איז אין יענע פֿחדימדיקע חדרים ניט פֿאַראַן אָנצואווייזן וואָס איז וואָס.

און דראָפּען זיך אויף די ווינטמילן פֿון אַ דור הפּלגה צו אַ כימערישן שפּע־טער, זיינען מיר מפֿקיר די איצטיקייט פֿון וועלכער מיר קענען זיך ניט אַרויס־שיילן, ווי דאָס לייב קען זיך ניט אַרויסשיילן פֿון דער הויט אין וועלכער מיר זענען, ווי די אָדערן אין גוף, איינגעוועבט. אָן וועלכער קיין מאָרגן קען ניט געמאָלט זיין.

* * *

קום און זע. אַ טאָפּ איז אָנגעפּילט מיט מילך. פֿון אויבן איז דאָס אָפּגע־קליבענע פֿעטס. אונטער דעם יערט די וואַסערדיקע זויערקייט. אַזוי איז דער איינגעשטעלטער סדר. ס׳איז אויך דער חוק וואָס ניט מ׳טאָר, ניט מ׳קען ענדערן. די אַלטצייטיקע חכמים פֿון מזרח האָבן פֿאַר דעם אַ וואָרט — ד ה אַ ר מ אַ .

אַדלערס וואוינען אין די הייכן וואו דאָס ליכט ווערט ניט פֿאַרשאָטנט. טונקעלע עיפּושדיקע לעכער זענען פֿאַר שרצים.

אין דער טראַגישער מרידה אַקעגן דעם פֿעסטגעשטעלטן כלל, איז דער מילכטאָפּ געוואָרן איבערגעקערט מיטן דנאָ אַרויף. אָפּפֿאַל איז געוואָרן די אויבערשיכט.

אין געבאָרגטע בגדים, אויסגעלערנטע מאַניערן און באַהאַנגען מיט ניט־פֿאַרדינטע דיפּלאָמען פֿון הויכער קענטשאַפֿט, זיצן זיי, די אַרויסגעקראָכענע מגפֿה־טרעגער אויף דער רעגיר־שטול, ווי פֿאַרוואַלטער פֿון מענטשלעכן מין און ווי נייע אַרכיטעקטן פֿון זיין לעבן.

* * *

אַן אַן אַנהאַלט, אַן אַן אינהאַלט גראַבט מען פון דער זומפּיקייט דאָס ליים אויסצופורעמען גולמס צו הערן פון זייער פופן־מויל מסכתות פאַר נייע קולטן, מיט די אַלעמאַל־געענדערטע פּרושים ווי איינצעוואַלגערן די איצטיקייט און מיטן רויך פון אויפגעפלאַמטע חלומות צייכענען זיי אַן אין דער קראַנקער לופט דעם וועג צו אַ מאַטעמאַטיש־אויסגערעכנטע כימערע.

גרויסקייטן זיינען פאַרקליינט, ריינקייטן — פאַרקויטיקט און ווערטן פון אומגעהייערן באַטרעף — פאַרזייט איבער זומפּן.

אין צעאַקערן די יסודות כדי צו האָבן קפיצת הדרך צו אַנאַנדער מין „באַחרית", ווערן צעשטויבט די פאַראייביקטע ירושות, אָפּגעהיטע פון דורות פאַר דורות, וואָס גיבן דעם קיום תוך, תכלית, תמידות.

דער באַצאָל פאַר אַט־דעם גרויליקן פאַרמעסט איז מהומה, שרעק, אויך פאַרראַט.

דאָס זענען די רייד פון דער א י צ ט י ק ײ ט וואָס רעגענען אַרונטער פון די הימלען, שרייען פאַרזאָטענע אַרויס פון דער וואונדיקער ערד. זי, די איצטיקייט, רעדט, רופט און וואַרט אין אַנגסטן צו ווערן דערהערט. מיר קענען פון איר ניט אַנטרינען, ווי זי קען ניט פון אונדז. וואָלטן מיר אפילו געקענט, ווייסן מיר ניט וואוהין, אַז קיין מקום מקלט איז אין ערגעץ ניט פאַראַן. איז קיין־מאָל ניט געווען.

ווער איז אַנגעברייט צו פאַרנעמען און געבן אַ תיקון די דאָזיקע רייד?

מ. פּערלמוטער

# ווען דו ביזט זוכה

דער שטויב פילט אָן דעם אויר,
פאַרשטעלט דאָס אויג —
דאָס האַרץ צעפּרעסט דער זשאַווער
ביז סאַמע רויג . . .

פאַרהאַמעוועט זכרון
פון נעכטנס טריט,
פון ברענענדיקן דאָרן,
וואָס לעשט זיך ניט . . .

דאָך טרעפט, ווען דו ביזט זוכה:
אַ פייער־סלופּ
סע נידערט פון די הויכן
צו דיר אין שטוב . . .

דיין פּסולת אויפן שייטער
סע ווערט פאַרצערט:
סע לייטערט און באַפרייט דיך
פון תפיסה־ערד. . .

## אַרויף מיט זילבער־שטראָם

איך האָב זיך אָפּגע׳טובל׳ט
אין זילבער־בלויען טייך:
אַזוי ווילסטו, אַזוי וויל
איך אויך— מיט דיר באַגלייך...

געלאָזן די הלבשה
אויף קרישלדיקן ברעג:
(די גלי־פליג האָט פאַרלאָשן
איר שוועבעלע אין געיעג...)

גע׳טובל׳ט זיך, געשוואומען
אַרויף מיט זילבער־שטראָם —
פון וואַנען בין געקומען:
כי כבר הייתי שם . . .

---

**נח גאָלדבערג**

## דער זעלבסטמערדער

(דערציילונג)

שוין אַ לאַנגע צייט ווי די דריי און פערציק יעריקע, זעלדע, האָט געוואָרפן אַן אומחן אויף איר מאַן. אַרומגעטראָגן זיך מיט אַ טיפן פאַרדרוס און דווקא ניט אַזוי אויף אים, ווי אויף זיך אַליין, הלמאי זי האָט נאָך מיט יאָרן צוריק חתונה געהאָט מיט אים, געבראַכט צוויי קינדער אויף דער וועלט און ערשט איצט ניט געקאָנט פאַרשטיין: וויאַזוי האָט זי דאָס גאָר דאַמאָלסט געקאָנט טאָן אַזאַ זאַך?...

אַז דער ווידערגעפיל האָט זיך אָנגעהויבן אויספורעמען ביי איר, האָט זיך זעלדע גראַדע לאַנג געוואָרט אַנטקעגן דעם. אויך איז איר געוויסן ניט אַרומ־געגאַנגען ליידיק און אונטערגעזאָגט, אַז זי טאָר ניט טראַכטן וועגן אַוועקגיין. ער איז דאָך פאָרט דער טאַטע פון אירע קינדער. ער האָט זי ליב. איז געטריי און איבערגעגעבן... אין אַזעלכע מינוטן האָט זי פּרובירט צו דערשטיקן אין זיך דעם רעוואָלטירנדיקן געפיל.

אָבער נאָכדעם ווי איר אַנטיפּאַטיע צו ברוכן איז נאָך שאַרפער געוואָרן האָט זי אויף אַן אמתן אָנגעהויבן טראַכטן פון אַוועקצוגיין וואוהין די אויגן וועלן איר טראָגן, אַבי ניט דאַרפן זיין מיט אים איבינעם און נאַרן זיך און אים. דעריבער האָט זי איינמאָל אין אַן אָוונט אַ זאָג געטאָן צו אים:

— הער זיך איין, ברוך! מיר זיינען דאָך אינטעליגענטע מענטשן. וויל איך דיר זאָגן דעם אמת, אַז מער קאָן איך מיט דיר ניט לעבן. איך האָב באַשלאָסן אַוועקצוגיין.

צוערשט האָט ברוך ניט געקענט באַנעמען אירע רייד. איז ער צוגעגאַנגען צום ווייב און מיט זיינע פייכטע, קאַלטע און גליטשיקע פינגער אַ גלעט געגעבן איר איבער דער רעכטער באַק. פון זיין באַריר האָט זיך זעלדע אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט דערפילט ווי איבערן לייב איז אַ סקרוך דורכגעלאָפן, אַז זיינע פינגער זיינען אַזויווי פלאַטקעלעך, וואָס מ'האָט ערשט געכאַפּט און געשמעקט מיט טייך.

— דו רעדסט נאַרישקייטן, מיין זעלדעלע... וואָס הייסט דו „האָסט מיך מער ניט ליב?... דו ביזט דאָך שוין אַ מאַמע פון גרויסע קינדער... און דו ווייסט אַז איך האָב דיך ליב מיטן גאַנצן האַרצן. באַרואיק זיך, נשמהלע מיינס און פאַרגעס וועגן דיינע מיידלשע חלומות... עס איז נאָך גוט וואָס די קינדער זיינען ניט דערביי. . .

זעלדע האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ איןביידע הענט. פונוויטן האָט זי געקוקט אויף זיינע רויטע, גלאַנציקע באַקן, אויפן פאַרשפּיצטן באָז, וואָס האָט ביי איר אין די אויגן אויסגעזען ווי אַ צוגעקלעפּטער שטיקל באַקסער:

— גלויב מיר, ברוך, אַז איך האָב דאָס ניט געוואָלט. אָבער אַ האַרץ פרעגט ניט קיין קשיות. אומערלעך קאָן איך ניט זיין. איך האָב שוין דאָס דערציילט די קינדער. זיי זיינען אינטעליגענטע און פאַרשטייען מיך זייער גוט. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אסתרקע וועט גיין מיט מיר און באַריסל וועט בלייבן דאָ מיט דיר איניינעם. די קינדער ווייסן שוין וואו איך וועל זיין...

ברוך האָט נאָך אַלץ ניט באַגריפן דעם גאַנצן ערנסט פון אירע רייד. ער האָט געמיינט, אַז מיט גוטסקייט און חניפה וועט ער זי קאָנען איינהאַלטן נעבן זיך. האָט ער אין אַ פענדעלע אָנגעוואַרעמט אַביסל מילך, דאָס אַריינגעגאָסן אין אַ גלאָז און צוגעטראָגן צום ווייב:

— טרינק אַביסל וואַרעמע מילך, מיין האַרץ. פאַרבייס מיט אַ קיכעלע. דו וועסט זיך באַרואיקן. איצט ביזטו אַביסל צערודערט און דו ווייסט נעבעך ניט וואָס דו רעדסט...

אַ ווייַלע איז זי נאָך געזעסן ווי אין אַ טראַנס. דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען, מיט גיכע טריט צוגעגאַנגען צום אַלמער. פון דאָרטן אַרויסגענומען דעם רימענעם טשעמאָדאַן. אַהין אַריינגעלייגט אַביסל קליידער און נאָכדעם אָוועקגעזעצט זיך אויפן פריערדיקן אָרט און געוואַרט ביז אסתרקע וועט קומען כדי צוזאַמען מיטן קינד אַוועקגיין און קיינמאָל ניט אומקערן זיך צוריק.

ביי ברוכן האָט אָנגעהויבן ציטערן הענט און פיס. אַלץ אין שטוב האָט זיך מיטאַמאָל אַ דריי געגעבן פאַר די אויגן. אָן אַ ברעקל פון מענערשן שטאָלץ איז ער צוגעלאָפן צום ווייב, אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני, ווי פאַר אַ געטשקע, און אָנגעהויבן בעטן זיך ביי איר:

— האָב רחמנות, מיין זעלדעלע, און גיי ניט אַוועק!... דו ווייסט ווי שטאַרק איך האָב דיך ליב. אָן דיר וועל איך זיך אָנטאָן אַ מיתה...

אָבער זעלדעס באַשלוס איז שוין געווען אַ געפּאַסטער, אַ פאַרזיגלטער. איצט האָט זי נאָר דערפילט, אַז וואָס מער ער בעט זיך ביי איר, פאַלט אויפן פנים, אַלץ עקלדיקער און שווערער איז איר געוואָרן צו זיין דאָ אַן איבעריקע רגע. איז ווי נאָר אסתרקע האָט געעפנט די טיר, האָט די מוטער מיט איין האַנט אָנגענומען דאָס הענטל פונעם טשעמאָדאַן, מיט דער אַנדערער—דאָס טעכטערל, און ביידע זיינען אַרויס פון שטוב.

גראַדע דעם אָוונט האָט באַריסל פֿאַרבראַכט ביי זיינעם אַ חבר. איז ברוך אַרומגעגאַנגען אַ צעבראָכענער און אַ באַליידיקטער איבער די גרויסע צימערן, וואָס האָבן מיטאַמאָל אָנגעוואָרן זייער געמיטלעכקייט, און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער דעמבענער דיל האָט זיך פּלוצים אַרויסגעגנבעט פֿון אונטער זיינע פֿיס. אין מיטן אַרומגיין איז אים אָנגעלאָפֿן אַ געדאַנק, אַז ער מוז עפּעס טאָן כדי צו ראַטעווען זיך פֿון דער שווידערלעכער לאַגע און ברענגען צוריק זעלדען.

אַז זיינע קורצע פֿיס האָבן אים אַריינגעבראַכט אין קיך איז זיין בליק געפֿאַלן אויפֿן גאַז־אויוון און פֿאַר אים איז גלייך קלאָר געוואָרן וואָס ער האָט צו טאָן. אין זיין צערודערטן מוח האָט זיך אַ פֿאַרטיקער פּלאַן אויסגעלייגט. ווען ער האָט אים גוט דורכגעטראַכט, איז ער מיט אויסרעכענונג אין יעדע באַוועגונג צוגעגאַנגען צו איין פֿענצטער, צו אַ צווייטער, זיי אַביסל צעעפֿנט פֿונדערהויך אויף אַריינצולאָזן פֿרישע לופֿט, און דערנאָך—אָפּגעדרייט ניט מער ווי פֿיר פֿון די גאַז־רערן אין אויוון.

ווען ער איז דערמיט פֿאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און אויף אַ שטיקל פּאַפּיר אָנגעשריבן: „מיין ליבע זעלדעלע, איך קאָן אָן דיר ניט לעבן. פֿאַרגיב מיר וואָס איך מאַך אַ סוף... גיב אַכטונג אויף די קינדער. זע אַז אסתרקע זאָל ענדיקן היי־סקול און באַריסל זאָל ווערן אַ דאָקטאָר, ווי מיר האָבן אַמאָל אָפּגערעדט . . . דייך ברוך.“

דאָס צעטעלע האָט ער אָנגעשפּאַרט ביים שפּיגל וואָס אויפֿן שופֿלאָד. נאָכדעם מיט אַ קלאַפּנדיקער האַרץ אַוועקגעלייגט זיך אויף דער ווייכער סאָפֿע, וואָס איז געשטאַנען אין זאַל. ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און געוואַרט ביז די גאַז וועט אָנפֿילן אַלע צימערן און דערשטיקן אים צום טויט...

אין קיך האָבן זיך די אָפֿענע גאַז־רערן צעזשיפּעט ווי גיפֿטיקע שלאַנגען. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט פֿון זיך דעם טויטלעכן גאַז, וואָס איז פּאַמעלעכקע געקראָכן אין אַלע ווינקלעך, אין די שפּאַרונעס און אויף גיך פֿאַרפּעסטעט דאָס גאַנצע הויז מיט אַ ביטערן און זויערלעכן געשטאַנק. שפּעטער אַ ווײַלע, אַז באַריסל האָט זשויפּגעשלאָסן די טיר, האָט אים דער גאַז אַ זעץ געטאָן אין פּנים, אַז דאָס בחורל איז צוריקגעשפּרונגען אויף אַ פּאָר שפּאַנען און מיט באַנומענע קולות אָנגעהויבן שרייען:

—העלפֿט! גאַז! ראַטעוועט!

ס'האָט ניט גענומען לאַנג און אַרום דער הויז האָבן זיך סירענעס צעוואָיעט. ווי פֿון אונטער דער ערד איז דערנאָך אויסגעוואַקסן פּאָליציי; אַן אַמבולאַנס מיט אַ דאָקטאָר און זיין געהילף. זיי האָבן קודם צעפּראַלט די פֿענצטער און פֿאַרדרייט די גאַז־רערן, און נאָכדעם האָט מען דעם זעלבסטמערדער אַוועקגעפֿירט אין שפּיטאָל.

דערווײַלע האָט באַריסל באַמערקט דאָס צעטעלע אויפֿן שופֿלאָד. האָט ער דאָס, מיט ציטער אין די הענט, איבערגעלייענט וואָס דאָרטן איז געווען געשריבן. ער האָט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען און איז אַ צעשראָקענער אַוועקגעלאָפֿן צו דער מאַמען אָנזאָגן, אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן.

שפּעטער אַביסל איז זעלדע מיטביידע קינדער געקומען אין שפּיטאָל. אַ פֿאַרסאָפּעטע און אַ דערשראָקענע איז זי אַריין אין פּאַלאַטע און צוגעגאַנגען צו זיין בעט:

— וואָס האָסטו געטאָן, דו נאַר איינער? איך בין דאָס ניט ווערט. אָבער צוריק קאָן איך מער ניט קומען. פאַרשטיי מיך, ברוך, איך וויל זיין ערלעך מיט דיר און מיט זיך אַליין. איך קאָן דיר ניט נאַרן און זאָגן, אַז איך האָב דיך ליב, אין דער צייט ווען איך האָב דיך ניט ליב! דעריבער קאָן איך מער ניט זיין מיט דיר איניינעם, און אָפטאָן אַזעלכע זאַכן זיינען נאַרישקייטן.

אויף די קינדער האָבן געוויינט, און ברוך גליקמאַן, פון וועמען די דאָקטוירים האָבן שוין דערווילע באַוויזן אַרויסצופּאָמפּען דעם גאַס און אָפּרייניקן דעם מאָגן, איז געלעגן אין אַ ציכטיקער בעט, ביזן האַלדז איבערגעדעקט מיט אַ בלאַנקענדיקן ליילעך, און מיט טיפן פאַרדרוס, וואָס זיין אַוואַנטורע האָט זיך אים ניט איינגעגעבן, געגרעדט מיט אַ שטילן קול:

— וויין ניט, מיין האַרץ, מיין נשמהלע. וויין ניט, מיין זעלדעלע, דו וועסט נאָך חלילה קאַליע מאַכן זיך דיינע שיינע אויגן. אַ דאַנק דיר פאַרן קומען אַהער...

אַז ער איז אַרויס פון שפּיטאָל האָט ער פאַרקויפט די מעבל פון זיין גרויסער און ליכטיקער דירה. פאַר זיך אַליין האָט ער געדונגען אַ קליין צימערל אין אַ זייטיקער גאַס און וואַכן נאָכאַנאַנד געשעמט זיך אַרויסשטעקן דעם נאָז אין דרויסן און אַנטרעפן זיך מיט באַקאַנטע און איבערהויפּט מיט זיין פריינט קאַפּלאַנען. אפילו די שטעלע האָט ער אויפגעגעבן און אָנגעהויבן אַרומדרייען זיך פוסט און פּאַס.

די חרפה מיטן טיפן פאַרדרוס האָבן זיך ביי אים אין האַרצן צונויפגעגאָסן אין איין ביטערן קוואַל און סוף כל סוף פאַרמירט איין גרויסן שטיק אומעט און עלנט, וואָס האָט אים ניט געלאָזט איינזיצן ביי זיך אין צימערל. איז ער אין אַ פאַרנאַכט אַריינגעגאַנגען צו זיין פריינט, קאַפּלאַנען, וואָס האָט זיך געקליבן צו פאָרן מיט זיין אייגענעם אויטאָמאָביל קיין קאַליפאָרניע, און מיט אַרונטערגעלאָזטע בליקן אָנגעהויבן ריידן:

— איר ווייסט דאָס שוין מסתמא, פריינט קאַפּלאַן, אַז מיין זעלדע האָט מיך פאַרלאָזט. בין איך געקומען פרעגן ביי אייך, צי קאָן איך מיט אייך מיטפאָרן קיין קאַליפאָרניע. איך וועל אייך באַצאָלן. דאָ קאָן איך מער ניט זיין און אָן איר קאָן איך ניט לעבן. וויל איך פּרובירן. אפשר וועט פונוויטן זיין גרינגער אַריבערצוטראָגן די צרות? . . . .

קאַפּלאַן איז געווען פונם זעלביקן נידעריקן וואוקס וואָס ברוך. נאָר ער האָט געהאַט אַ פּאָר טיפע, גוטמוטיקע און קלוגע אויגן מיט אַ ווייך האַרץ. האָט אים אַרומגענומען אַ רחמנות אויף דעם פאַרוואָרלאָזטן גליקמאַנען:

— אַוועקפאָרן איז אַ גוטע זאַך. פונוויטן זיינען טאַקע אַ סך זאַכן אי שענער אי בעסער, און אַגב: אַלץ איז גרינגער פאַרן אויג. איך פאָר מאָרגן ביי טאָג. אַוודאי קאָנט איר מיטפאָרן. אַדרבא, מיט אייך צוזאַמען וועט זיין פריילעכער אויפן לאַנגן וועג . . .

אין זעקס טעג אַרום זיינען זיי אָנגעקומען אין דער פון זון צעשפּרענקלטער לאָס אַנדזשעלעס, וואו יעדע גאַס כמעט איז געווען אַרומגעצוימט מיט ברייט פאַנאַנדערגעוואַקסענע, הויכע און נידעריקע פּאַלמען, וועלכע האָבן צוגעגעבן אַ טראָפּישן אויסזען. דאָ האָט קאַפּלאַן אַראָפּגעלאָזט ברוכן נעבן אַ האָטעל. אים געגעבן דעם אַדרעס פון זיין בייער וואוינונג, וואָס זיין ווייבל, וועלכע איז געקומען אַהער מיט אַרום זעקס חדשים צוריק, האָט אָנגעגרייט.

קאַפּלאַן איז געווען אַן אַרבעטער אין אַ שאַפּ. האָט ער אויף דער אַנדערער וואָך אויפגעזוכט אַ שטעלע. אַנגעהויבן צו פאַרדינען גאַנץ געשמאַק און אין אַ קורצער צייט אַרום גאָר פאַרגעסן זיך אויף דער מעשה מיט ברוכן.

דערפאַר אָבער האָט זיך ברוך דאָ אין שטאָט צו קיין זאַך ניט געקענט דער־שלאָגן. במילא האָט ער געהאַט אַ סך צייט צו טראַכטן פון זיין זעלדען מיט די קינדער. ער האָט קאַפּלאַנס נייעם אַדרעס ניט פאַרגעסן און אין אַ פרייטיק צו נאַכט, ווען קאַפּלאַן מיט זיין ברכהן זיינען געזעסן אַרום טיש און געגעסן וועטשע־רע, האָט זיך מיטאַמאָל די טיר צעפּראַלט. אַ פריער האָט זיך באַוויזן אַ בלייכער פּנים, אַ פאַרשפּיצטע נאָז, אַ באַקעטער שאַרבן מיט פינף אָפּגעצייגענע „פאַר־קעמטע" האָר. נאָך זיי האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ נאַכלעסיקע, דאַרע פיגור פון אַ קליין געוויקסיק מענטשל מיט אויסגעלאָשענע אויגן. די אַמאָליקע רויטע באַקן האָבן דורכן יאָר פאַרלאָרן דעם קאָליר און זיינען איצט געהאַנגען ווי פּוסטע טאָרבעלעך:

— האַלאָ.

— אַך, האַלאָ! — איז קאַפּלאַן אויפגעשפּרונגען פון בענקל און מקבל־פּנים געווען דעם גאַסט. — וואָס מאַכט איר עפּעס, ברוך?... וואו זיינט איר נעלם גע־וואָרן אויף אַזאַ לאַנגער צייט?... זעצט זיך אַוועק.

פון דער וואָרעמקייט וואָס האָט געהערשט דאָ אין שטוב האָב ברוכן פאַר־קוועטשט ביים האַרצן. אין האַלדז האָט אים עפּעס אַ וואָרג געטאָן און מען האָט ניט געקאָנט וויסן צי דאָס איז אים געקומען אויס ניט פאַרגינעריי, אָדער צוליב די צרות וואָס האָבן אַרויסגעוויינט פון אים.

ברכה, וואָס האָט זייער גוט געקענט סיי ברוכן און סיי זעלדען און געוואוסט פון דער גאַנצער געשיכטע, האָט ניט געקאָנט צוזען דעם ווייטיק וואָס איז געלעגן אויסגעגאָסן ביים אורח אויפן פּנים און זי האָט אים געפרעגט:

— אפשר וועט איר עסן וועטשערע מיט אונדז?

— ניין, אַ דאַנק אייך, מאַדאַם קאַפּלאַן, ניט לאַנג צוריק געגעסן.

אַ ווילע איז געווען שטיל און פון דער שטילקייט איז אַרויסגעוואַקסן אַ נאַגענדיקער אומעט, וואָס איז ווי אויף אומזעבאַרע פּיס געקראָכן צו די צוויי גוטע מענטשן אין די הערצער, אין די נשמות, און זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך, וויאַזוי אָנהויבן ריידן און מיט וואָס צו פאַרגרינגערן ברוכן זיין שווערן געמיט. אָבער מיטאַמאָל האָט דער גאַסט אַרויסגענומען צוויי „אינשורענס פּאָליסיס" פון קעשענע.

— איך בין געקומען צו אייך, ווייל איך האָב ניט קיין אַנדערע פריינט אויף דער וועלט. אָט־דאָ! — האָט ער מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף די פּאַפּירן — האָב איך אייך געבראַכט מיינע „אינשורענס פּאָליסיס." איך האָב געמיינט, אַז פונוויטן וועט מיר זיין גרינגער אַריבערצוטראָגן די צרות... שוין אויסגעפּרוּבירט אַלע מיטלען און—אַפּנים אומזיסט... אָן מיין זעלדען קאָן איך מער ניט לעבן... היינט ביינאַכט וועל איך מאַכן אַ סוף צו אַלץ... בעט איך אייך, ליבע פריינט, אַז מען זאָל מיך באַערדיקן אויפן היגן בית־עולם. דאָס געלט וואָס וועט בלייבן נאָך מיין לוויה זאָלט איר אָוועקשיקן צו מיין ווייב און שרייבט איר, זי זאָל ניט פאַרגעסן אַכטונג צו געבן אויף די קינדער...

פון קאַפּלאַנס צעעפנטן מויל איז אַרויסגעפאַלן דאָס פאַררויכערטע סיגאַ־רעטל. דער מענטש האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט באַגעגנט פנים־אל־פנים מיט אַזאַ איינעם, וואָס וועט באַלד מסתמא איבערשניידן זיך דעם האַלדז, צי גאָר אויפ־הענגען זיך אויף אַ גראָבן טשוואָק אין דער סטעלע פון זיין וואוינונגל ערגעץ און שטאַרבן. בכלל האָט קאַפּלאַן קיינמאָל ניט געהערט אַזעלכע רייד פון אַ קלאָרן מענטשן. דעריבער איז ער אַ ווײַלע געזעסן ווי אַ פּאַראַליזירטער, אַ צע־שראָקענער, אַ בלאַס־געוואָרענער. נאָר דערנאָך האָט ער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און אָנגעהויבן שרייען אויף אים:

—שעמען מעגט איר זיך! איר זיינט אַן אינטעליגענטער מענטש, אַ מאַן שוין אין די יאָרן און איר רעדט ווי אַ ייִנגל!... סיידן, סיידן איר זיינט חלילה פון זינען אַראָפּ! אַ ייד טאָר קיין זעלבסטמאָרד ניט באַגיין!... און סתם קאָן איך ניט פאַרשטיין: וואָס אַ שטיגער וועט איר דערמיט אויפטאָן?... פאָלגט מיך און נעמט בעסער אַ גוטן טרונק בראָנפן. פע! אַזוי האַנדלט ניט קיין בר־דעת... אַ מענטש דאַרף קאָנען נעמען דאָס וואָס דאָס לעבן טיילט אים צו און אַלץ אַריבערטראָגן אויף די אייגענע פּלייצעס...

אויך ברכה האָט זיך דערשראָקן. איז זי אַ צעטומלטע געשטאַנען אין אַ ווינקל־קיך. אירע צעלופּעטע און פאַרטרערטע אויגן האָבן געקוקט אויף ברוכן מיט רחמנות אין די בליקן. זי האָט געוואָלט צוגיין צו אים, אַרומנעמען און טרייסטן ווי אַן אייגענעם ברודער. האָט זי אָבער ניט געקאָנט רירן זיך פון אָרט. נאָר סוף־כל־סוף האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און געבעטן זיך ביי דעם אומגליקלעכן מענטשן:

פריינט גליקמאַן, איך בעט אייך: טוט דאָס ניט!... איר'ט זען, אַז זעלדע וועט נאָך צוריקקומען צו אייך. איר זיינט דאָך אַ געלערנטער מענטש, דאַרפט איר וויסן, אַז ביי מיטליעריקע פרויען טרעפן אַזעלכע זאַכן...

—יע, אָבער איך קאָן מער ניט ליידן — האָט ברוך גליקמאַן געענטפערט האַרט און קאַלט, און ס'איז גלייך קאָנטיק געוואָרן, אַז אַלע רייד און בעטענישן זיינען אַרויסגעוואָרפן. מחמת אַ ווײַלע איז ער נאָך געזעסן אַ שוויגעוודיקער און אַ דערשלאָגענער. נאָר נאָכדעם האָט ער פון בוזים־קעשענע אַרויסגענומען אַ ווייס בייגעלע פּאַפּיר און מיט אַ שפּראַץ־פּען דערויף אָנגעשריבן:

„לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, דעם 13טן אַפּריל, 1943. איך, דער אונטערגעשריבענער, ברוך גליקמאַן, זאָג דאָ מיט מיין פולן באַוואוסטזיין, אַז אין מיין טויט זאָל מען קיינעם ניט באַשולדיקן.“ אונטערגעשריבן: ברוך גליקמאַן.

קאַפּלאַן איז געווען אַ פּרעסער ביי פרויען־קליידער. ער האָט געאַרבעט אין אַ שאַפּ. ער האָט אויף מאָרגן געדאַרפט אויפשטיין גאַנץ פרי און גיין צו דער אַרבעט. ער האָט אָבער ניט געקאָנט איבערלאָזן אַ מענטשן אין אַזאַ שווערער לאַגע און גיין שלאָפן. דעריבער איז ער אַ גאַנצע נאַכט געזעסן מיטן „מת“ און אַלץ געהאַלטן אין איין אָפּריידן אים פון דעם שרעקלעכן אַקט. אָבער, ווען אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג און, ברוך איז געבליבן אַן איינ־געשפּאַרטער ביי דאָס זייניקע, האָט ער אים אַרויסבאַגלייט פון טיר. אויף אייביק אָפּגעזעגנט זיך און איז שוין דעם טאָג צו דער אַרבעט ניט געגאַנגען.

יענעם יאָר איז נאָך אין לאָס אַנדזשעלעס דערשינען אַלע פרייטיק אַ וואָכן־בלאַט, וואָס האָט געהייסן „די שטימע פון פאָלק.“ דאָס איז געווען אַ צייטונגל

פון אַ קליינעם פאָרמאַט. זי האָט זיך געדרוקט דריי־פּערטל אויף ענגליש און בלויז איין פערטל אויף יידיש. אַ חוץ די פילע אַנאָנסן האָט מען דאָרטן געקאָנט געפינען אַלע מודעות פון די היגע חתונות, בריתן און, ניט דאָ געדאַכט, לוויות.

אין זיין צעטומלטקייט האָט קאַפּלאַן פאַרגעסן צו פרעגן ביי ברוכן דעם אַדרעס זיינעם. האָט ער איצט גערעכנט און אויסגערעכנט, אַז אַזוי ווי היינט איז דאָך שוין שבת, וועט ער דעם קומענדיקן פרייטיק קויפן „די שטימע פון פאָלק" און אַזוי אַרום דערוויסן זיך ווען ברוך גליקמאַן איז געשטאָרבן.

די וואָכן זיינען דערווייליע געלאָפן אין גאַלאָפּ און פאַרוואַנדלט זיך אין חדשים. אַלע פרייטיק האָט קאַפּלאַן געקויפט די צייטונג, איבערגענישטערט די פילע אַנאָנסן וועגן טויט־פאַלן און פון ברוך גליקמאַנס פּטירה איז קיין סימן ניט געווען. האָט ער דערפון פאַרשטאַנען, אַז מסתמא האָט מע אים מקבר געווען ערגעץ אויף אַ פאַרוואָרפענעם בית־עולם און זיין קבר איז שוין לאַנג באַוואַקסן געוואָרן מיט גראָז.

כך הווה, האָט זיך געמאַכט, אַז אין מיטן אויגוסט איז אויסגעפאַלן זייער אַ הייסער זונטיק. האָט זיך קאַפּלאַן אָנגערופן צו זיין ברכהן:

— דו ווייסט וואָס? היינט איז דאָך אַ שווידערלעך הייסער טאָג, איז אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז מיר זאָלן פאָרן אין „אוישען פּאַרק" און דאָרטן ביים ים אָפּקילן זיך אַביסל פון דער היץ.

— אַוודאי איז דאָס אַ גוטער פּלאַן. איך האָב טאַקע היינט געטראַכט דערפון.

אין אַ פּאָר שעה אַרום זיינען זיי אָנגעקומען קיין „אוישען פּאַרק". דאָרט האָט זיך דער ים געוואָרפן ווי אין קדחת. אויפגעשטורעמטע כוואַליעס מיט ווייסע טשופּרינעס, ווי די גריוועס ביי יונגע אָגערס, וואָס פאַרמעסטן זיך אין קריג פּאָר אַ טאַבון פערד, זיינען האַסטיק געלאָפן צום ברעג און אויפן וועג ביסלעכווייז אָנגעוואָרן דעם פריערדיקן קוראַזש. פונוויטן האָט זיך געטראָגן אַ ווינט, וואָס האָט אָפּגעפרישט די פנימער ביים שפּאַצירנדיקן עולם.

ברכה האָט אָנגענומען קאַפּלאַנען אונטערן אָרעם. זיי זיינען געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט און אַריינגעאָטעמט די פרישע ים־לופט, און דער „באָרד־וואָק", וואָס זיך געצויגן לענג־אויס דעם ברעג, איז געווען פול מיט מענטשן.

אַ ווײַלע זיינען זיי געגאַנגען שווייגנדיקע. מיטאַמאָל האָט קאַפּלאַן באַמערקט ווי פאָראויס פאַר אים האָט זיך באַוועגט אַ טרוכלעוואַטע פליצקע פון אַ נידעריק געוויקסיקן מאַן, וואָס האָט געשפּאַנט געאָרעמט מיט אַ הויכער דאַמע. דער מאָדנער קאָנטראַסט האָט נאָך מער צוגעצויגן קאַפּלאַנס אויפמערקזאַמקייט. האָט ער זיך צוגעקוקט בעסער און אַ צופּ געטאָן ברכהן ביים אָרבל:

— דו זעסט ווער עס גייט דאָרטן פאָראויס? איז דאָס אַ האַלוצינאַציע צי אַ ווירקלעכקייט?

זי האָט אָנגעשפּיזלט אירע שאַרפע קוקערס און כמעט אַרויסגעקוויטשעט:

— אוי! דאָס איז דאָך ברוך גליקמאַן! וואָס איז צוליב זיין ווייב באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין ניו־יאָרק און איז געשטאָרבן דאָ מיט עטלעכע חדשים צוריק!...

אין דער רגע האָבן זיי פאַרגיכערט די טריט. אויסגעגלייכט זיך מיטן גייענדיקן פּאָר־פאָלק. ביי ברוך גליקמאַנען האָבן די באַקן ווידער געגלאַנצט ווי אַמאָל. די אויגן האָבן געלויכטן. די הויכע דאַמע האָט זיך צוגעבויגן, אָנגעשפּאַרט איר טורעמדיקן בוזים צו אים, וואָס האָט קוים דערגרייכט די ראַנדן פון זיין נאַקעטן

מאַטעס דייטש

# נאָטיצן בעתן לייענען

## מיין לאַנד מיין לידערשע

(לידער פון נ. י. גאָטליב, מאָנטרעאַל, 1958)

דאָס איז שוין דער נײַנטער בוך לידער פונעם זעלבן מחבר; חוץ די ביכער האָט ער אויך אַרויסגעגעבן אַ נאָוועלע „איבערבוי". צוזאַמען—צען ביכער.

מיט אַזאַ מין עשירות דאַרף מען גאָר ניט דאגהן איבער דער פראַגע: „זיין צו ניט זיין" אין דער אייביקייט—אומשטערבלעך. זי איז פאַרחתמעט אינעם נוסח פונעם ונתנה תוקף, צי גאָר אינעם מחברס לירישער פאָעמע גופא: „עלעגיע אויף מיין חרובער היים."

דאָס גאַנצע בוך ווייעט מיט אַ ימים־נוראימדיק, תפילהדיק פלאַטערן; נ. י. גאָטליב איז אַן עכטער פייטן. דאָס בוך איז פול מיט אויטאָביאָגראַפישער נאָס־טאַלגיע און מיט פאַרבענקטע געמעלן, וואָס אומעטיקן אויף דער ליטווישער אַלטער היים—אירע גרויע פייזאַזשן; מער גרוי ווי פייזאַזש.

* * *

## רגעס פון געגנאָד

(לידער פון פעסי הערשפעלד פאָמעראַנץ. ציקאָ ביכער־פאַרלאַג, 1957)

דאָס איז דער דריטער בוך לידער וואָס די דיכטערין האָט אַרויסגעגעבן; דריי זיינען אַרויס אין שיקאַגע און דער איצטיקער אין ניו־יאָרק.

די דיכטערין, פעסי, איז געבליבן אויף אַלע הונדערט פּראָצענט אייגנדיק צו זיך און איר ליד—אייגנדיק צו איר: ביידע זיינען פאַרוועבט און צוגעבונדן מיט שטילע געמיטלעכע פעדעם און מיט אַ סך ריינער באַשיידנקייט איינער צום צווייטן; דאָס איז אַזאַ פאָעטישע מדרגה ביי איר, צו וועלכער זי איז צו איר געקומען נישט דורך דער כוונה פון דערגרייכן אָט־דעם פונקט, נאָר פשוט—זי איז געבוירן געוואָרן מיט אָט־דער מדרגה און קוואַליטעט.

אירע לידער דערמאָנען זייער פיל אין די טויבן וואָס האַלטן זיך דווקא אויף אייגנדיק אין זייער כאַראַקטעריסטיק, כאָטש זיי האַלטן זיך אויף צווישן די הימלקראַצערס פון די מעטראָפּאָליעס; אַרום זיי רוישט, פילדערט און קאָכט מיט

שאַרבן, און פון זייער האַלטונג איז געווען צו זען, אַז זיי זיינען פאַרליבט איינער אין דעם אַנדערן.

מער האָט קאַפּלאַן ניט געהאַט די העזה צו קוקן אויף זיי. ער האָט אָפּגע־דרייט דעם קאָפּ, ניט געוואָלט שטערן דעם „מת" זיין גליק. אינסטינקטיוו האָבן מאַן און ווייב פאַרלאַנגזאַמט די טריט און געשעמט זיך צו קוקן איינער אויפן אַנדערן. נאָר אין די הערצער האָט פאַרט געגריזשעט אַ פאַרדרוס, הלמאַי דער „מת" האָט זיי אָפּגענאַרט. אָבער ווען ביידע האָבן זיך דערטראַכט צום געדאַנק, אַז אמתע זעלבסטמערדער דערציילן קיינמאָל ניט וועגן זייער טויט, האָבן זיי מיטאַמאָל אויסגעשאָסן אין אַזאַ געלעכטער, וואָס האָט זיך צעטראָגן ווייט־ווייט אַריבער די אויפגעקנוילטע כוואַליעס פון ים.

ראַשיקן געליאַרעם, אָבער זיי—וואָרקען... און אַט דאָס טייבלשע וואָרקען מיינט איינפאַך: זיי איגנאָרירן דאָס גאַנצע רעוועז פונעם שטאָלענעם גאָרגל און אויך די גיגאַנטישע טעמפּאָ פון ניו־יאָרק און שיקאַגאָ. (דאָרטן האַלט זיך אויף די פאָעטישע טויב, פּעסי).

אַט־דאָס אַלץ קאָנען נאָר אמתע טויבן איגנאָרירן.

און די לידער פון דער דיכטערין זיינען בפירוש טייבלדיק. זיי קאָנען זייער פיל, גאָר, גאָר אַ סך איגנאָרירן, צייט, אָרט און דעם סאַמע קערן—דעם צעשטויסענעם אַטאָם אפילו... און דאָס איז דערפאַר ווייל איר ליד קאָן אויך זיין ליב און אנגענעם ווי דאָס וואָרקען פון טויבן, הגם זיי האַלטן זיך אויף אין די מעטראָפּאָליעס.

מע דאַרף ליב האָבן די שטילע דיכטער וואָס גיבן אונדז „רגעס פון גענאָד," כאָטש ניט ווינציקער ווי מיר האָבן ליב די טויבן אין דער מעטראָפּאָליע.

* * *

## גרשון מאיר דעם בלינדנס

(אַ באַנד אויטאָביאָגראַפישע סקיצן פון כאַווער־פּאַווער, לאָס אַנגעלעס, 1958)

כאַווער־פּאַווער איז אַ שרייבער אַ פּראָפעסיאָנאַל, ער שרייבט טאָג־טעגלעך, עס לאָזט זיך אָנזען—זיין גאַנץ לעבן שרייבט ער. ער האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ היפּשע צאָל ווערק פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער און דערצו נאָך ליגט ביי אים אין שופלאָד מאַטעריאַל פאַר נאָך אַ צאָל ביכער.

כאַווער־פּאַווער האָט אויך אַ סך דראַמאַטישע ווערק: דראַמעס, איינאַקטערס און פּאָלקסשפּילן; ער האָט אויך אַ סך פּראָזע ווערק פון די קלאַסיקער, דראַמאַטיזירט. ער איז געבענטשט מיט אַ קינסטלעריש לייכטער פעדער, וואָס פאַרפיקסירט גאַנץ שווערע טעמעס (אפילו טראַגישע) אין אַ חנעוודיקן הומאָר. ער איז קלאָר, פּרעציז און האַלט דעם לייענער שפּילעוודיק געשפּאַנט. דאָס איז נאָר דערפאַר מסתמא וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אויף צו שרייבן שיינע מעשהלעך פאַר קינדער.

ער באַזיצט די בולטקייט פון האַנס קריסטיאַן אַנדערסאָן.

זיין שרייבן קאָן געליינט ווערן אפילו פון בלינדע, ס'איז ווי ב ר ע י ל — מע קאָן עס אָנטאַפּן מיט די פינגער...

* * *

## ו ו אָ ג ש אָ ל

(פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור. רעד.: א. טאַבאַטשניק. ניו־יאָרק, 1959)

דער זשורנאַל איז פונעם שענסטן אויסזען; שוין לאַנג אַז אַזאַ אויסגאַבע האָט זיך נישט באַוויזן אויף אונדזער ליטעראַרישער גאַס. עס ווייעט פון דער שריפט די מי פון דער געניטער קינסטלערישער האַנט, פון דער אינטעליגענץ וואָס ווייסט איר צוועק און איר ציל—צו וואָס זי, די שריפט, איז באַשאַפן געוואָרן און וואָס עס זיינען אירע אויפגאַבן.

די צייט האָט איר אַרויסגעבראַכט, צי גאָר אַרויסגערופן צו דערפילן און אויספילן אַ ליטעראַרישן באַרוף וואָס איז רייף אין רעאַגירן אויף די פיל־צונגעשטאַנענע, בייטיקע, ליטעראַרישע נויטן.

אינעם ערשטן נומער באַטייליקן זיך: זישע לאַנדוי, א. טאַבאַטשניק, איציק מאַנגער, מאיר שטיקער, בעריש ווײַנשטיין, ט. ס. עליאָט (איבערגעזעצט פון מאיר שטיקער).

אימפּולסיוו און זייער טרעפלעך זיינען די נאָטיצן און באַמערקונגען פון דער רעדאַקציע.

אין דעם אָפּטייל: לידער צו מאַני לייבן, ווערן איבערגעדרוקט לידער פון: ראובן אייזלאַנד, אברהם משה דילאָן, ראַשעל וועפּרינסקי און יוסף ראָלניק. אויך לידער פון די אין דער ערשטע רייע דערמאָנטע דיכטער וואָס נעמען אנטייל אין „וואָגשאָל."

* * *

## חלום עליכם

(לידער פון אַלף כץ, ניו־יאָרק, 1958)

דאָס איז דער זיבעטער בוך לידער פון אלף כץ; ער איז אַן אמתער כהן, כאָטש אין אים וואוינט אַ קינדערשע נשמה — זיין געמיט איז פול מיט ליד־שפּילעוודיקייט און סופערשטיפערישן וואָרטגעבוי. ער איז ניט ווי לוצקי ע״ה — פילאָזאָפיש־פּרעגעריש, פּשטלדיק און פול מיט וועלט־חכמה׳דיקן פּאַרנעם, נאָר אַדרבה, ער איז פּרעגעריש, קינדעריש־המצאהדיק און אפילו קינדעריש אַוואַנ־טוריסטיש.

אָט אַזאַ כהן איז ער; דעריבער פּאַרפליט ער טאַקע תמיד העט־העט אין וואונדערלאַנד וואו עס וואַקסן ליד און וואונדער צוזאַמען אויף איין בוים.

ער צעעפנט פאַר אונדז אַלערליי קאָלירפולע פּאַרטערן און עס צעפינקלען זיך ביי אים ווערטער ווי שטערן. זיין ליד איז שפּילעוודיק, פאַרביק — אַ קליינ־געוודיק לשונדיקער פילם.

ער פּאַרוואַנדלט זיין ליד אין לידערדיקן שווישפּילעריי.

ער איז דער „וואָלט דיסני" אין יידיש־ליד.

* * *

## מילד מיין ווילד

(לידער פון מלכה חפץ טוזמאַן, לאָס אַנגעלעס, 1958)

דאָס איז דער צווייטער בוך פון דער דיכטערין, מלכה טוזמאַן. קוואַנטיטאַטיוו וועט זי שוין ניט אָניאָגן דעם דערגרייך פון די דיכטער וואָס זיינען אין איין און דערזעלבער צייט מיט איר אָנגעקומען אין דער יידישער דיכטונג; קוואַליטאַטיוו האָט זי זיך אויסגעגליכט — דערגרייכט. זי איז אפילו אַריבערגעשפּרונגען די צווישנביכער וואָס בלייבן ליגן ווי בריקלעך וואָס מע איז אַריבערגעגאַנגען...

און דערפאַר פאַרדינט זי אַז אַן ערנסטער קריטיקער (ער מוז אָבער זיין יונג און שיין) זאָל זיך פאַרנעמען אייגנאַרטיק מיט איר בוך „מילד מיין ווילד."

דער טיטל פון בוך איז פול מיט מיידלשער קאַפּריציטעט, מיטן פלאַטער פון מיידלשער נישט אויסגעלידערטקייט, וואָס דאָס איז ביי אונדז כמעט אַ ניי־קייט. אָבער ווען מע פאַרטיפט זיך אין די בלעטער וואו די לידער וואוינען, דערפילט מען אַז די לידער וויינען ביי איר אויף אַן אינטעליגענטן אופן, ווי ביי

אַ פּאָעטעסע וואָס די מיידלשע קאַפּריציטעט אירע האָט נישט געקלעקט מער ווי אויפן טיטל פון בוך—אינעווייניק איז ניטאָ קיין מילד און קיין ווילד...

סיוויסיי, נישט איר און נישט אונדז פעלן זיי צו שטאַרק אויס... איצט.

עס זיינען דאָרט דאָ עכטע לידער פון אַ באַוואוסטזיניקער דיכטערין, וואָס לעבט אין דער צייט וואָס דאָס יידיש־ליד איז שוין לאַנג צייטיק געוואָרן.

די דיכטערין ווייסט עס גאַנץ גוט און אירע לידער זיינען פול מיט דעם דיכטערישן וויסן. און דווקא ווייל אַזוי—זינגט זי ווויסנדיק און קאָנענדיק.

יאָ, וויסנדיק—צו שפּעט איז שוין איר ליד פאַר „מילד מיין ווילד."

אין דעם אופן ליגט אַ געוויסע קראַפט און אויך רייפקייט.

ס'איז דער לעצטער זיג, איבער דער שוואַכקייט וואָס נאָר דער דיכטער געווינט אים.

און דער עכטער דיכטער געווינט אַלעמאָל...

## צום נאָענטסטן שטערן — יידיש

בקרוב וועט אַרויס פון דרוק אַ באַנד לידער און פּאָעמעס פונעם דיכטער און עסייאיסט, מאַטעס דייטש; דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן פונעם י. ל. פרץ ביבליאָטעק פאַרלאַג אין תל־אביב, ישראל.

דאָס בוך איז אַ קאָמפּלעטע איינזאַמלונג פון דריי צענדליק יאָר שאַפן. עס וועט אַנטהאַלטן 300 זייטן. אין בוך גייט אַריין אַן אינטערעסאַנטער בריוו פונעם גרויסן דיכטער א. ליעסין און פון דעם באַדייטנדיקן דיכטער, עסייאיסט און קריטיקער, יעקב גלאַטשטיין.

די בריוו זיינען בנוגע דעם ווערט און באַדייט פונעם גאַנג אין דער יידישער פּאָעזיע. עס פאַרשטייט זיך אַז די בריוו שטרייכן אויך אונטער די אַנדערשקייט פונעם דיכטער מאַטעס דייטש.

דאָס איז דער דריטער באַנד לידער און דער זעקסטער בוך פון זיינע אַל־געמיינע ווערק וואָס זיינען ביז איצט דערשינען זינט 1922.

**פריינט און לייענער פון „חשבון":**

באַנייט אייער אַבאָנאַמענט־אָפּצאָל! שיקט אַריין די מינימאַלע סומע פון $3.00 צום סעקרעטאַר, א. כראַבאַלאָווסקי. פאַרשפּאָרט אונדז איבע־ריקע מי און הוצאות. ווערט אַ מיטבויער פון דעם יידיש־ליטעראַרישן זשורנאַל אין קאַליפאָרניע.

טוט אייער קולטור חוב! קומט נישט אָפּ נאָר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש, אַז ס'איז זייער נויטיק דאָ אַ שריפט אויף יידיש — באַווייזט עס מיט מעשים!

ד״ר דוד רעבעלסקי

# „אַבער ניט געשטאָרבן!״

(דערציילונג)

נח גאָלדבערג׳ן געווידמעט

שבת, צו דער תורה, פלעגט דער בעל־קורא אים אויפרופן פייערלעך: „יעמוד רב יונה־פסח ברב יהושע פנחס הכהן״! אָבער אין גאַס האָט מען אים גערופן פשוט: יונצע. און, אונטער די אויגן: יונצע דער ערלעכער בעל־עגלה.

ער איז טאַקע געווען דער ערלעכסטער בעל־עגלה אין שטעטל. די פור איז ביי אים געווען אַ ברייטע, אַ רחבות׳דיקע, שטענדיק אויסגעבעט מיט טרוקן היי. ער האָט קיינמאָל ניט גענומען מער ווי זעקס פּאַסאַזשירן, און אויף דער קעלניע איז ער געזעסן אַליין, אויך אין רחבות; סיידן אין אַ נויטפאַל, ווען עס איז, אין דער לעצטער מינוט, צוגעלאָפן אַן אָרעמע אַלמנה, אַ מאַרק־זיצערין, וואָס האָט נויטיק געדאַרפט צום וואָקזאַל.

אין אַזאַ פאַל פלעגט ער זיך ווענדן צו די זעקס פּאַסאַזשירן: „נו, וואָס זאָגט איר, טייערע יידן, רחמנים בני רחמנים, זאָל איך איר באַוויליקן צו זיצן מיט מיר אויף דער קעלניע ? האָבן די „רחמנים בני רחמנים״ צוגעשאָקלט מיט די קעפּ אויף יאָ, און די שווערע יידענע האָט זיך, אַביסל פאַררויטלט און פאַרשעמט, געדראַפּעט, מיט פאַרהאָרעוועטע און פאַרפּראַצעטע הענט, אויף דער הויכער און גערAַמער קעלניע. יונצע פלעגט אַכטונג געבן אַז די יידענע זאָל ניט באַשעדיקט ווערן ביים דראַפּען זיך צו איר זיץ־פּלאַץ, און, ווען נויטיק, אונטערשטעלן אַן אַקסל פאַר אירן אַ פוס.

ער האָט שטאַרק מדקדק געווען ביים אָפּהיטן דאָס געזונט פון זיינע פּאַסאַ־זשירן. זומער האָט ער מיט זיך מיטגעפירט אַ ברעזענט צו באַשיצן זיי פון אַ רעגן, און ווינטער זיינען אין זיין ברייטן שליטן שטענדיק געווען גרייט אַ פּאָר דיקע וואַרעמע קאָלדרעס, מיט וועלכע ער האָט קונציק איינגעדעקט די פיס פון זיינע רייזנדע. זיינע פערד האָט ער קיינמאָל ניט געשמיסן. ווען, נאָך די אָסיענדיקע רעגנס, אָדער פאַר פּסח׳דיקע סליאַכאָטעס, פלעגט אַמאָל זיין פור זאַריזנעט ווערן אין די טיפע בלאָטעס ביז איבער די רעדער. פלעגט ער בעטן, במחילה כבודכם, די פּאַסאַזשירן אַראָפּגיין און העלפן אַרויסשלעפּן דעם וואָגן. מיט טיפער הכנעה פלעגט ער דערביי דערקלערן אַז, כאָטש ער איז אַ פּשוטער בעל־עגלה, ווייסט ער ווי אָפּצושאַצן די הייליקע באַגריפן פון אהבת ישראל און צער־בעלי־חיים. עס האָט אויסגעזען אַז ביידע באַגריפן זיינען ביי אים גלייכוואַרטיק. יידן לערנער צווישן זיינע פּאַסאַזשירן פלעגן דערביי גוטמוטיק שמייכלען און מסכים זיין מיט יונצען און אפילו זאָגן אים אַ גוט וואָרט: „נו, רב יונצע, איר זייט שוין גאָרניט קיין פּשוטער בעל־עגלה. מיר האָבן געהערט, אַז אין דער שניידערשער שול, וואו איר זייט אַ גבאי, לערנט איר אַ פּרשה חומש מיט רש״י מיט די דאַוונער, און אפילו פּרקי אָבות. און אייער דוכענען און אייערע שחריתן ביים עמוד זיינען אַ שם־דבר ביי אונדז אין שטעטל.

דאָס האַרץ פלעגט זיך ביי יונצען צוטיאַכקען פון אַזעלכע רייד. אַלע קנייטשן פלעגן מיטאַמאָל אַנטלויפן פון זיין באַשטראַלטן פנים. ער פלעגט אין איין אויגנ־

בליק ווערן יונגער און כאַפּן דעם אומבליק פון אַ פאַרדבקעטן חסיד ביים רבינס שבתדיקן טיש. אַ פאַרטייעטער אין זיך פון גרויס גליקזעליקייט פלעגט ער שטאַרק פּאַרציען דעם שטריקענעם גאַרטל איבער זיין קורצן פעלצל און שוויגן דעם רעשט פון זיין וועג.

ווען יונצע איז שוין געווען אין די פופציקער, האָט אים זיין צווייטע פרוי, די פרומע יוכבד, געבוירן אַ בן־זקונים. דאָס יינגעלע האָט געקוקט מיט שוואַרצע לאַכנדיקע אויגעלעך אויף דער וועלט און איז געווען די פרייד און טרייסט פון טאַטע־מאַמע. ווי דער באַלעבאַטישער טאַטע האָט יונצע אָפּגעגעבן זיין שימקעלען צו אַ דרדקי־מלמד ווען ער איז אַלט געווען דריי יאָר. צו צען יאָר האָט ער שוין געשעמט אין שטעטל פאַר אַ קליינעם עילוי. דאַן האָט זיך יונצע געמאַכט האַרץ און, נישט קוקנדיק אויף יוכבדס וויינען און קלאָגן, אַוועקגעשיקט אים אין אַ ישיבה ווייט פון דער היים. אָבער צו פופצן יאָר האָט ער אים, קעגן די האַסטיקע פּראָטעסטן פונם ראש־הישיבה, וואָס האָט אים אָנגעזאָגט, אַז אין נאָך אַ פּאָר יאָר קען ער שוין האָבן סמיכה אויף רבנות, אַרויפגענומען צו זיך אויף דער קעלניע און מיט גרויס התמדה געלערנט אים הלכות ערלעכע בעל־עגלה'ריי. דער אויס־רייד איז געווען, אַז מען טאָר ניט מאַכן די תורה אַ „קרדום לחפור בה," אַז תורה דאַרף מען לערנען לשמה.

דאָס ישיבה־בחורל, אַ שלאַנקער יינגל, מיט געקרייזלטע האָר, ווייסע ציין און שוואַרצע, אַביסל פאַרחלומטע אויגן, האָט שנעל איבערגענומען די בעל־עגלה'ישע תורה, און ווען יונצע האָט אָנגעהויבן אונטערקרענקען, אַליין געפירט די פּאַסאַזשירן פון און צום וואָקזאַל מיט דערזעלבער אָפּגעהיטקייט און בנעמות־דיקייט ווי דער טאַטע.

ויהי היום און יונצע איז שטאַרק פאַרשקלאַפט געוואָרן. פּאַסירט האָט דאָס אַזוי: ערגעץ אין די „הויכע פענצטער" אין פעטערבורג, האָט מען באַשלאָסן, אַז די פּאַסאַזשיר־באַן זאָל דורכגיין דער סטאַנציע מאַלאַדאָווקע צען אַזייגער אין אָוונט אָנשטאָט צווי בייטאָג, ווי פריער. בייזע צינגער אין שטעטל האָבן אפילו געמורמלט, אַז דאָס האָט אַ משומד אָפּגעטאָן די יידן אויף צו להכעיס: ער דינט דאָרטן די גוים אין אַן אייזנבאַן־קאַנצעלאַריע. דער וואָקזאַל אין מאַלאַדאָווקע איז געווען געגניע עלף ווייאָרסט פון דעם שטעטל דראַבינקע, וואו יונצע און נאָך דריי הונדערט יידישע משפחות האָבן געלעבט. אַכט ווייאָרסט פון די עלף זיינען געלעגן אין אַ געדיכטן וואַלד פון פאַרצייטיקע אַלטע דעמבעס מיט קאַרטשעוואַטע אַרויסשטאַרצנדיקע הונדערט־יאָריקע וואָרצלען.

דער ווינטער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ פראָסטיקער מיט שניידנדיקע קעלטן און זלידנע ווינטן. ס'איז געווען אַ סכנה אַרויסצושטעלן אַן אויער. אויף יידישע בערד און וואָנצעס זיינען נאָך אַזאַ נסיעה געהאנגען „סוסליקעס" פון אייז. ס'איז געווען סכנת נפשות. חוץ דעם האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז עס האָבן זיך באַוויזן אין וואַלד גאַנצע שייקעס הונגעריקע וועלף, וואָס טשאַטעווען אויף די דורכפאָרער און שפּרינגען אויף די פערד פון ביידע זייטן, וועלנדיק זיך איינ־בייסן אין די פערדישע גריוועס און העלדזער. לאָזן שימקען אין אַזעלכע נעכט אַליין האָט מען ניט געקענט: יוכבד וואָלט געשטאָרבן פון שרעק. און וועגן „כרחם אָב על בנים" איז דאָך שוין אָפּגערעדט. אַ קליינקייט, אַ בן־זקונים, אַ בן־יחידל, אַן איינציקער, אַ ציטעריקער.

הכלל, נישט קוקנדיק אויפן הוסט, אַ טרוקענעם, „היגטישן" הוסט, וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט צו יונצען און נישט אָפּגעלאָזט זייט שמחת־תורה, האָט יונצע אַרויפגעצויגן אויף די פיס די אַלטע וואַרימע פוישטן, וועמעס ברייטע נעז האָבן דערלויבט צווי פּאָר אָניטשעס; אויפן געגאַרטלטן פּאַלושובאַק אָנגעפּעלצט דעם ווינטערדיקן פוטער, און אַרויפגעזעצט זיך אויף דער קעלניע צוזאַמען מיט שימקען.

.2

איינמאָל, נאָך אַזאַ נאַכטיקער נסיעה, ווען דער פראָסט האָט געברענט און דער ווינט האָט געוואָיעט, ווי אַ גאַנצע כאַליאַסטרע שרים, איז יונצע אַריינגעפאַלן אין שטוב מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים און טרערנדיקע אויגן, און ניט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. צווישן די „לאַפּאַטקעס" האָט געשטורמט אַ שאַרפער ווייטיק; די פיס האָבן זיך געבראָכן פון שוואַכקייט און דער הוסט האָט געשטיקט לעבן סאַמע האַלדז: אָט־אָט און ער ווערט דערוואָרגן.

יוכבד האָט אויף שנעל אויפגעזאָטן אַ גרויסן טאָפּ וואַסער, און יונצע האָט מיטאַמאָל אויסגעטרונקען זעקס גלעזער הייסע טיי. ביידע, יוכבד און שימקע, האָבן אים געהאָלפן אויספּעלצן זיך פון זיינע ווינטערדיקע בגדים און באַלייגט אין בעט. ער האָט אָבער ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג די גאַנצע נאַכט. ער האָט שווער געשוויצט און מען האָט אים געמוזט בייטן די נאַכט־העמד דריי מאָל. יונצע איז געלעגן אין אַ טייך פון אייגענעם שוויס.

אינדערפרי איז געקומען דער דאָקטאָר. בלויז אין דער מיטל פון די דריי־סיקער האָט ער שוין געטראָגן אַ היפּש בייכל פאַר זיך; געקוקט אויפן חולה דורך צווי דינע שפּאַלטן פון אויגן, און די פּאָר וואָנצעלעך, אונטערגעשניטענע און שפּיציקע, זיינען שטיף געשטאַנען אויף צווי פליישיקע ליפּן, ווי להבדיל, חזיר־האָר אויף אַ קליין חזירל, און אַרומגעטאַנצט פון זיך אַליין, ווען ער האָט ביים חולה דערשנאַפּט דאָס ווייטיקדיקסטע פּלאַץ.

דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן אויסטאָן זיך מוטער־נאַקעט און יונצע האָט זיך פאַרשעמט. — צו וואָס דאַרפט איר דאָס? די קרענק איז אין דער ברוסט!

— רב ייד, דאָס איז ניט אייער עסק! טוט וואָס דער דאָקטאָר הייסט אייך!

יונצע האָט מיט פאַרדרוס אויסגעטאָן פריער די שקאַרפּעטן, דערנאָך די די גאַטקעס, און האָט זיך דערביי פאַרקייכט מיט אַ טיפן הוסט. די אונטערוועש איז געווען פּיטש־נאַס, „אויסצודרייען."

דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבן פון די קנעכלען, דערנאָך, מיט פאַרמאַכטע אויגן, לאַנג געקנאָטן דעם בויך און ערשט דערנאָך אַריבער צו דער ברוסט. ער האָט געהייסן יונצען טיף אָטעמען. יונצע האָט עס ניט געקאָנט; ס'האָט ווי געטאָן אַזוי ווי עמיצער שטייט און שטעכט מיט שפּיזן.

— רב ייד, כ'ווייס אַז ס'טוט ווי, אָבער איר מוזט טיף אָטעמען, טיפער, נאָך טיפער!! אָט אַזוי. יעצט האַלט איין דעם אָטעם, האַלט, האַלט!

אין סאַמע מיטן פון די ווייטאָגן האָט יונצען פאַרדראָסן, וואָס דער דאָקטאָר מיט די וואָנצעלעך רופט אים רב ייד און ניט מיט זיין אייגענעם נאָמען. נאָך אַ זאַך האָט אים שטאַרק באַליידיקט: דעם טערמאָמעטער האָט דער דאָקטאָר, מעשה בזיון, אַריינגעשטעקט אין גאַר, גאָר אַן אומדערוואַרטעטן פּלאַץ. אַזאַ חלול המענטש!

ווען דער דאָקטאָר איז סוף־כּל־סוף פאַרטיק געוואָרן, האָט אים יונצע מיט אַן איינגעבראָכענער שטימע געפרעגט: — דאָקטאָר, וואָס איז מיר?

— וועגן דעם וועל איך רעדן מיט אייער זון און מיט אייער פּלוניתטע. איר דאַרפט בלויז נעמען די רפואה און שוויצן, אַ סך שוויצן!

דורך אַ שפּעלטעלע פון דער טיר האָט יונצע געהערט אָפּגעריסענע ווערטער: פיר טעג... אפשר אַ וואָך... טרוקענע העמדער... חברה קדישא... דריי קישנס... אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט אויך געהערט דאָס וואָרט „תכריכים". ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס דאָקטערל מיט די וואָנצעלעך, האָט אים אָפּ־געזאָגט דאָס לעבן.

שימקע איז געלאָפן אין אַפּטייק. יוכבד האָט זיך עפּעס צו־לאַנג געזאַמט אין קיך. וואַסער האָט דאָרט געפּליוסקעט. ווען יוכבד איז אַריינגעקומען מיט די צוויי קישנס האָט יונצע באַלד דערזען אַז זי האָט געוויינט.

— דו האָסט אַ שטאַרקן קאַלט, יונה. דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן אַ רפואה צום שוויצן. פאַר דיר איז בעסער צו זיצן אָנגעשפּאַרט אויף די קישנס.

.3

ווען שימקע איז געקומען פון אַפּטייק האָט זיך שוין יונצען געהאַט אויסגע־פורעמט אַ באַשלוס: צו קעמפן מיט אַלע מיטלען פאַרן לעבן, אָבער דאָס דאָקטאָרל מיט די וואָנצעלעך מער ניט אַריבערלאָזן איבער דער שוועל פון זיין שטוב. ער האָט אַוועקגעזעצט יוכבדן און שימקען אויף ביידע זייטן בעט, און, מיט אַ גרין פייערל אין די אויגן, אָנגעזאָגט וואָס צו טאָן:

— צוויי גלעזער מילך וואַרעמע, גלייך פון שעפּל, ממש פון אונטער דער קו, יעדן טאָג; אַ יאַיכעלע פון אַ הון יעדן טאָג, וואָס עס זאָל ניט קאָסטן. יעדע שטונדע אַ הייסע גלאָז טיי, בייטאָג און ביינאַכט. שימקע וועט רייבן די פּלייצע אַזוי אָפט, ווי ער וועט זיין אין דער היים. די גויע, די וועשערין, זאָל וואַשן און טריקענען די העמדער יעדן טאָג. טאָמער וועט ניט זיין גענוג געלט פון שימקעס פאַרדינסטן, זאָל מען באָרגן ביי די מאַרק־קרעמערע. נישקשה, יונצע וועט מירצע־שעם קיינעם ניט אָנזעצן. דער עיקר: ניט וויינען און ניט קלאָגן. ס'איז נאָך דאָ אַ טאַטע אין הימל, וואָס זאָרגט פאַר יעדער באַשעפעניש, פאַר יעדער גרעזעלע. ער וועט אונדז ניט פאַרלאָזן אין אונדזער נויט. יאָ, עיקר שכחתי: דאָס דאָקטאָרל, מיט די וואָנצעלעך, ניט אַריינלאָזן אין שטוב. איך וועל אים פּלעטן דעם קאָפּ!

מוטער און זון האָבן זיך איבערגעקוקט און אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. ס'איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט דאָס זשומען פון אַ פליג וואָס האָט זיך פון ווינטער אויסבאַהאַלטן אויפן פּיעקעלעק ערגעץ.

.4

צוזאַמען מיט דער מילך פון שעפּל, מיט די יאַיכעלעך פון יונגע הענדלעך און מיטן רייבן פון דער פּלייצע, איז געגאַנגען דאָס דאַוונען אין טלית און תפילין, באַגלייט מיט הייסע טרערן. יונצע האָט זיך געפּיעסטשעט פאַר רבונו של עולם: **„גאָט פון אַברהם, פון יצחק און פון יעקב, אל רחום וחנון, טו אַ נס, כ'בעט דיך! אויב ניט פון מיינעטוועגן איז פון יוכבדס וועגן: זי איז אַ צנועה. אויב ניט פאַר** אונדז ביידע איז פון שימקעס וועגן: ער איז אַן עניו און אַ ירא שמים. טו אַ נס,

לאָז ניט דעם דאָקטאר מיט די וואַנצעלעך אויספירן זיינס! „לא המתים יהללו יה ולא כל יורדי דומה.“ די טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער די איינגעפאַלענע באַקן גלייך אין באָרד אַריין און ס׳האָט אויסגעזען אַז גלייך מיטן גאַנצן קערפּער שוויצט מיט די באָרד.

ס׳האָט געדויערט דריי לאַנגע וואָכן. די גויע, די וועשערין, איז יעדן טאָג געגאַנגען צום פאַרפרוירענעם טייך און ביי דער אויסגעהאַקטער פון אייז סאַזשל־קע, פאַרקאַטשנדיק הויך די רויטע ספּאָדניצע, געוואַשן יונצעס העמדער, געקלאַפּט זיי מיט פּראַלניק, נאָכדעם געטריקנט זיי ביי איר אין קיך, ביי דער גרויסער הרובע, און געפּרעסט זיי מיט אַן אַלטמאָדישן פּרעסל אין וועלכן עס האָבן שעמערירט הייסע קוילן און געוואָרפן פונקען פון זיך.

יונצע האָט אויסגעשוויצט פון זיך די נשמה, געוואָרן איינגעשרומפּענער יעדן טאָג און גענומען אויסזען אַלץ מער און מער ווי שימקע. און פּלוצים, נאָך אַ נאַכט פון טיפן שלאָפן, ווען עס האָט זיך אים געחאָלמט אין איין חלומען אַז ס׳איז זומער און ער שווימט אַרום אין שטעטלדיקן טייך און פּרובירט נאָכהאַלטן שימקען, וואָס האַלט אין איין לאַכן צום טאַטן און רייצט זיך מיט אים אַז ער וועט אים ניט קענען דעריאָגן — האָט יונצע אויפגעוואַכט און דערזען יוכבדן שטיין ביי זיין בעט מיט אַ גלאָז נאָר וואָס אויסגעמאָלקענער מילך. עס האָט זיך אים לייכטער געאָטעמט. די גאַנצע שטוב איז געווען איינגעטונקען אין ווינטערדיקן זונענשיין, און אין זיין ברוסטקאַסטן האָט זיך געהוידעט עפּעס אַן אומבאַקאַנטע פרייד, אַ יום־טוב׳דיקע שמחה. ווען ער שעמט זיך ניט וואָלט ער זיך צוקושט מיט יוכבדן. יוכבד האָט באַמערקט זיינע טרוקענע, ניט מער פאַרוואָלקנטע אויגן, זיין פריילעכן געמיט, און אויסגעשאָסן אין אַ שטורמדיקן געוויין.

— יונה, דו וועסט מירצעשעם געזונט ווערן. דער קריזיס איז פאַריבער!

— שאַ, יוכבד, שאַ, מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אין הימל! דערלאַנג מיר נאָר אויף גיך נעגל־וואַסער און גיב מיר דעם טלית־און־תפילין.

יונה האָט זיך אָנגעהויבן אויפזעצן אין בעט. איינמאָל האָט ער אַריינגעשטעקט די פיס אין די וואַרעמע ווינטערדיקע שטעקשיך און, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף שימקען, צוגעשלעפּט זיך צו דער קיך און אַריינגעפאַלן אין אָנמאַכט אין אַ בענקל. אָבער פון דאַן אָן האָט ער זיך געבעסערט פון טאָג צו טאָג. די מילך פון אונטער דער קו האָט מען ניט אָפּגעשטעלט און די יאַכעלעך פון יונגע הענדלעך זיינען אָנגעגאַנגען כשורה. צום דאַווענען אין טלית־און־תפילין זיינען צוגעקומען עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים. די קליידער זיינען אויף אים געהאנגען ווי אויף אַ „טשו־טשעלע“ אין אַ זומער־גאָרטן, אָבער זיין טראָט איז געוואָרן פעסטער און זיכערער.

אַזוי זיינען דורכגעלאָפן דריי חדשים. די קעלטן און די ווינטן זיינען אַוועק צו אַלדי רוחות, און די ליכטיקע פרילינג־זון, אַ וואַרימע, אַ געטרייע, אַ שמייכלענ־דיקע און אַ יונגע איז געקומען, און יונצע איז געזעסן אויף דער פּריזבע פון זיין הויז שטונדן־לאַנג און געוואַרעמט זיך און געקוקט אויפן רבונו של־עולם׳ס וועלט מיט הייסער דאַנקבאַרשאַפט. און איינמאָל, שוין ערב פּסח, ווען די טרעגערס האָבן אָנגעהויבן טראָגן הויכע געפלאָכטענע קוישן מיט מצות, האָט זיך יונה אַרויסגעלאָזט אין מאַרק אַריין. פון די קראָמען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים יידן מיט אויסגעשטרעקטע שלום־עליכמ׳ס און יישר־כוח׳ס, באַוואונדערט זיין יונגן אויסזען און געוואונטשן אַריינלעבן עט־עט ביז הונדערט און צוואַנציק.

שימקע איז געגאַנגען לעבן טאַטן, שטאָלץ און הויכגעוויקסיק, און אָנגע־קוואָלן פונם כבוד וואָס די בעלי־בתים גיבן אים אָפּ. יונצע האָט פאַרקירעוועט צום געסל, וואו דער דאָקטאר האָט געוואוינט. — „שימקע, דו וואַרט אויף מיר אין דרויסן עטלעכע מינוט. איך וויל זיין מיטן דאָקטאר אויג־אויף־אויג. שימקע האָט פאַרשייט געשמייכלט.

5.

ווען יונצע איז אַריינגעגאַנגען אין אויפנאַם־צימער זיינען נאָך קיין פּאַציענטן ניט געווען, אָבער דער דאָקטאר, אין אַ ווייסן כאַלאַט, מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, איז שוין געשטאַנען גרייט. ער האָט באַלד דערקענט יונצען, און אַ שטיקל כמאַרע האָט זיך צעלייגט אויף זיין ווייסן שטערן, און אין די אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ געמיש פון וואונדער, פאַרווירונג און אומרו. די ברעמען האָבן זיך אינסטינקטיוו אַ הויב געטאָן. אָבער דער דאָקטאר האָט זיך שנעל קאָנטראָ־לירט און מיט אַ געמאַכטער פריילעכקייט אַ זאָג געטאָן:

— ס׳קאַצל קומט! זיצט! ווי גייט דאָס אייך?

— אַ דאַנק! מיין יידענע האָט מיך צוגעשיקט אָפּגעבן אייך אַן אַלטן חוב. אַט האָט איר צוויי רובל פאַר אייער וויזיט.

דער דאָקטאר האָט מיט די שפּיץ פינגער גענומען די צוויי צעקנייטשטע פּאַפּירלעך, געהאַלטן זיי אַ רגע ווי מען האַלט אַ טויטן שרץ און אַריינגעוואָרפן זיי אין שופלאָד. אַ האַלבע מינוט האָבן זיי ביידע געשוויגן. יונצעס נשמה האָט דורש־טיק געפּאָדערט אַביסל נקמה.

— פּאַניע דאָקטאַרשע, זייט מיר מוחל. איך וויל ביי אייך עפּעס פרעגן: אין גאָט גלויבט איר?

— אין וואָסער גאָט ?

— וואָס הייסט אין וואָסער גאָט? אין יידישן גאָט, אין רבונו של עולם !

דער דאָקטאר האָט ניט דערוואַרט אַזאַ פּלוצימדיקע פראַגע. ער האָט זיך אַביסל פאַרדרויטלט און די שפּיציקע וואָנצעלעך האָבן אָנגעהויבן אַרומטאַנצן. אָבער ער האָט זיך באַלד באַהערשט.

— רב ייד, איך בין ניט קיין רב, איך בין אַ דאָקטאר, און זאַכן פון אמונה אינטערעסירן מיך ניט!

דאָס האָט דערוועקט אַ צאָרן ביי יונצען און ער האָט זיך פּלוצים דערפילט ווי דער פאַרטיידיקער פון יידישקייט, און דאָס האָט אים אונטערגעגעבן מוט ווייטער צו פרעגן:

— נו, און דאַוונען דאַוונט איר?

— ניין, דאָס ניט !

— נו, און אין בחירה חפשית גלויבט איר?

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אַנשיקעניש? האָט שוין מיט אַביסל רוגזה געפרעגט דער דאָקטאר, און אַ פינצטער פייערל האָט זיך שוין געצונדן אין זיינע שפּעלטעלעך פון אויגן. עס האָט אים שוין פאַרדראָסן וואָס אַ שלאַק אַ בעל־עגלה האָט די העזה צו ריידן מיט אים ווי אַ גלייכער צו אַ גלייכן.

— דאָס הייסט — האָט שוין יונצע געטענהט מיט פייער — אַז דער מענטש אַליין האָט אויך עפּעס צו זאָגן. ער קען זיין גוט און שלעכט. ער קען אין אַ קריזיס קעמפן פאַר זיין לעבן. אַ מענטש האָט אַ נשמה!

— גייט שוי גייט! אַ מענטש איז אַ מאַשין: אַז זי ווערט אַלט און צובראָכן וואַרפט מען זי אַרויס אויפן מיסט.

— אַזוי גאָר, אַזוי גאָר? — יונצע איז שוין געווען צערייצט, און דער „כהן" האָט זיך אין אים צעבייזערט. — נו, טאָ לאָזט מיר אייך כאָטש געבן אַן עצה: ווען איר קומט צו אַ יידישן חולה, רופט אים ניט „רב ייד", נאָר ביי זיין יידישן נאָמען, און ווען מען דאַרף ביי אַ יידן מעסטן די היץ, טוט מען דאָס דורך זיין מויל אָדער אונטער דער פאַכווע, און ניט אין אַנאַנדער פּלאַץ . . .

— לערנט מיך ניט — האָט שוין דער דאָקטאר געשריען, און אונטער זיינע אַרבל האָבן זיך געבערגלט זיינע שטייפע מוסקולן. זיי זיינען ביידע אויפגעשפּרונגען, און, כהרף עין, איז שוין יונצע געשטאַנען ביי דער טיר. די פּיס האָבן ביי אים געציטערט; אין קאָפּ איז געווען הייס, אָבער ער האָט נאָך געהאַט כוח אויסצושרייען:

— איר מעגט זיך שעמען מיט אייער גאַנצער דאָקטאָריע. איר האָט דאָך געזאָגט אַז איך גיי שטאַרבן, אָבער אויף צו להכעיס אייך בין איך ניט געשטאָרבן!

און וועלנדיק נעמען דאָס לעצטע ביסל נקמה, האָט יונצע, שוין ביי דער אָפענער טיר און מיט איין פוס אין דרויסן, אַריינגעשריען צוריק:

— אָבער ניט געשטאָרבן!!

---

ברכה קודלי

## וואָס זוכסטו?

וואָס זוכסטו אין דעם בלאַסן ראָז
פון צעבליטע בוימער,
אין פייער פון רויטער בלום,
וואָס פאַרוויגט מיט איר פאַרפיום
די בענקשאַפט פונם טרויער?

וואָס וועקט אין דיין געהער
ס'בענקענדיקע וואָרקען פון דער טויב,
וואָס אַנטפּלעקט זי אין דיין געמיט
מיט אירע דריבנע, איידעלע טריט?

צו וואָס פאַר ווייטן דופט דיר
די שפּראַך פון לירישן פליט,
וואָס ציטערט אַזוי צאַרט אין ריינע רייד?

זאָג, וואו נעמסטו אוזאָרן
צו פאַרשפּרייטן
פון פרוכטלאָזן באָדן די קלאָג
מיט קאָלירן פון גאָלדיקן קאָרן?

אָ, מיידל פון אוקראַינע,
וואו אין בלויען קאַיאָר
וויגן זיך ווייסע אַקאַציעס
און פאַרכישופן ווי די לידער דיינע;
ביז וואַנען וועסטו צערטלען
מיט פאַרחלומטקייט די וואָר?

שמעון וואוזעק

## נ ש מ ה

ווען ס'קול פון חרד־קוואַל האָט אין עטער־ליכט דערשאַלט:
י ה י א ו ר ! האָסטו, נ ש מ ה, שוין ערגעצוואו געזונט;
דורך לאַנגע נאַכט געבראָכן חושך אור־געוואַלט,
און אויסגעזונט מיט מענטש געבענטשטן גורל־בונט.

פון שוים פון אין־סוף האָסטו גערעדט צו מענטש אין טרוים;
אין נעפל געזאַמלט דימענט־שטויב פאַר זיין געביין,
ווען ערד און ים האָט בלינד געטראַכט אין ענגן צוים,
האָסטו דיין זעער־אויג פאַרפלאַנצט אין מענטשנס פאַרשטיין.

האָסט שטערן־זאַמד אויף דיין בן־יקיר'ס וועג געשיט;
השגחה־ליכט געשפרייט אויף הייכן־סכנה־גאַנג;
די נאַכט און שרעק צעשטויבט מיט מוט פון זיינע טריט,
און אויפגעקניפט פון הינערפלעט די נכשל־שלאַנג;

פאַמעלעך־שאַ געוועקט זיין אינער־חוש: דערוואַך;
אַריינגעשימערט דעת אין דרימל־איך־געמיט;
ווי ס'ווינקט ביינאַכט אַ שטערן אין סוכה דורך סכך,
און מענטש־באַוואוסטזיין־פונק אין אים צעגליט.

נ ש מ ה ! כאָטש דו זינגסט צו מענטש נאָך הינטערן וואַנט,
ער זינגט מיט דיר, צעשיידט דורך דעם רעיון בלויז,
דאָס מענטש־געמיט, אין מאָרגן־אויפגיי־ליכט שוין אַנט,
אַז דו, נ ש מ ה , ביסט די הויך, די טיף, די גרוס!

---

**ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט פון דעם זשורנאַל „חשבון"**

---

גאָלדע שלאָסבערג אַרפין

# די זון איז פאַרגאַנגען
(בילד)

פאַרנאַכט איז ליזאַ אַרויס צום ברעג ים. זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און באַוואונדערט דעם זון־אונטערגאַנג. די כוואַליעס האָבן זיך געיאָגט איינע איבער די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן וועלן וואָס פריער אָנקומען צום ברעג. די זון האָט זיך געזעצט און אַלץ אַרום האָט אויסגעזען, ווי דער הימל וואָלט זיך אָנגעצונדן אין קופּערנע פלאַמען.

די ים פויגלען מיט זייערע ווייסע בייכעלעך און גראָע פליגל, מיט ראָוז־רויטע פיסעלעך, האָבן אונטערגעטונקט זיך אין די אָנקומענדע כוואַליעס און געזוכט מיט זייערע שנאָבעלעך עפּעס צו עסן. זיי זײַנען בישט געפלויגן לוסטיק געזוכט מיט זייערע שנאָבעלעך עפּעס צו עסן. זיי זיינען ניט געפלויגן לוסטיק איב־דערהויך ווי תמיד, ווי אויך זיי וואָלטן מיטגעפילט איר איצטיקן געדריקטן געמיט.

ליזאַס אויגן האָבן געוואַנדערט איבער דעם אָנגעצונדענעם האָריזאָנט. זי האָט זיך דערמאָנט: זי איז נאָך אַ יונג מיידל, קומט אָן קיין אַמעריקע צו אירער אַ גוטער מומע, וואָס האָט אַליין קיין קינדער ניט געהאַט. זי גיט איר אַ גוטע היים; שיקט איר גלייך אין שול זיך לערנען, כדי זי זאָל שפּעטער אין אַ שאַפּ ניט דאַרפן גיין אַרבעטן. זי פאַרענדיקט אַלס בוכהאַלטערן, באַקומט איר ערשטע שטעלע. זי איז גליקלעך מיט איר זעלבסטשטענדיקייט. איר לעבן באַקומט איינ־האַלט. זי האָט אַ שיינעם קרייז מיט פריינט. אַלץ אַרום איז אַזוי גוט, אַזוי שיין.

— ליזאַ, אייערע אויגן זיינען זייער שיינע! — דערמאָנט זי זיך, וואָס דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען, ווען די יונגעלייט פלעגן איר עס זאָגן. און פאַר אירע אויגן, ווי אין שפּיגל, דערזעט זי אירע רונדע, לאַכנדיקע אויגן; איר טונקל־ברוינע געקרייזלטע האָר, איר לענגלעך פיין פאָרמירטן פּנים, און ווי דאָס גאַנץ וועזן אירס איז אָנגעפילט מיט פרייד צום לעבן.

אָט שווימט אַרויף איר באַגעגעניש מיט איסאַקן ביי איר חברטע אין שטוב. די שטוב איז אָנגעפילט מיט מיידלעך און בחורים. עס איז פריילעך. מע זינגט, מע לאַכט, ביז מע דערעדט זיך צו אַ שטאַרקער דיסקוסיע. איסאַק רעדט. זיין שטימע קלינגט שיין. זי הערט זיך צו צו יעדן וואָרט. זי איז באַגייסטערט פון זיינע טיפע און לאָגישע אַרגומענטן. ער מאַכט אויף איר אַ שטאַרקן איינדרוק...

איסאַק איז שיין, הויך, מיט אַ שיינעם קאָפּ שוואַרצע האָר, אַ הויכן אינטע־לעקטועלן שטערן; אַ פּאָר קלוגע שוואַרצע אויגן; אַן ענערגיש מענעריש פּנים, מיט טיפע ליניעס אַרום זיין שיין פאָרמירט מויל. זי האָט דערפילט אַ ניט גלייכ־גילטיקייט צו אים. און, זי געפינט דעם פּאַסיקן מאָמענט אים עס צו זאָגן, ווי שיין און לאָגיש ער האָט גערעדט. זי כאַפּט אויף זיין וואַרעמען בליק מיט וועלכן ער האָט איר אַרומגענומען...

שפּעטער, ווען דער אָוונט ענדיקט זיך, איז זי איבעראַשט צו זען ווי ער געגענט צו איר און בעט, זי זאָל אים דערלויבן אָפּפירן איר אַהיים.

עס איז אַ פולע לבנה־נאַכט. לאַנג זיינען זיי אַרומגעגאַנגען און גערעדט. ווען ער האָט זי צוגעפירט צום הויז, איז שוין באַלד טאָג געווען.

זי איז אַריין אין איר צימער אַ צעשטראַלטע, אַן אויפגעמונטערטע... איר

האַרץ וויל זיך ניט באַרואיקן. זי איז אין אים פאַרליבט. אַ גליקלעכע דערהערט זי אויך נאָכדעם פון אים, אַז אויך ער האָט זי ליב.

עס גייען טעג, וואָכן, חדשים מיט בייַנקשאַפט איינער צום אַנדערן... ביז זיי באַשליסן ענדלעך תתונה צו האָבן. ליזאַס געדאַנקען שטעלן זיך אָפּ פלוצים. זי הויבט אויף איר קאָפּ. זי דערזעט די בערג, וואָס זייַנען פריער, אין זון־אונטער־גאַנג, פילפאַרביק געווען, איז אין דער טונקלקייט פון אָוונט ווי מיט אַ בלויען שלייער פאַרהאָנגען.

זי בלייַבט פאַרטראַכט אַ ווײַלע, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף אירע הענט און הערט ווייטער דעם קנויל פון אירע פאַרגאַנגענע יאָרן: זי הערט דאָס צערטלעך קול פון איסאַקן, וואָס איז באַגלייט מיט אַ ציטער געפיל, וועלכער האָט אויפגע־וואַכט יעדן מאָל ווען ער האָט גערעדט צו איר „וועגן אַ קינד האָבן." מיט דעם געבוירן ווערן פון „מוישעלען" איז דאָס צוזאַמענלעבן נאָך גליקלעכער געוואָרן; אַזוי, אַז זיי האָבן כמעט ווי פאַרגעסן די דרויסנדיקע וועלט.

איסאַק פאַרדינט גוט. זייַן צערטלעכקייט און זייַן איבערגעגעבנקייט צום קינד איז רירנד. ער נעמט זי מיטן קינד אַריין אין זייַנע לאַנגע, גוטע הענט, פון וועלכע עס שטראָמט אַ קוואַל מיט ליבע צו זיי. זי דערשפירט אַ וואַרעמען שטראָם וואָס פליסט דורך איר גאַנצן וועזן פון די דערינערונגען...

אַזוי זייַנען אַוועק נאָך אַ פּאָר יאָר. דאָס לעבן זייערס איז פול מיט גליק, ביז—עס איז געקומען אַן ענדערונג אין איסאַקס געזונט־צושטאַנד...

ער פאַרקילט זיך אָפט, ווערט וואָס אַמאָל בלאַסער. אַ טרוקענער הוסט לאָזט אים ניט אָפּ און מאַטערט אים אויס. זי ווערט שטאַרק באַאומרויִקט... דער דאָקטאָר הייסט אים פאָרן אין אַן אָפּרו־פּלאַץ. איסאַק איז אין מאָנטעסעלאָ. די גוטע לופט און אָפּרו ברענגט אים צוריק צו זייַנע כוחות. ער גלויבט ער איז שוין צוריק געזונט און קעגן איר בעטן זיך ביי אים, ער זאָל נאָך דאָרט פאַרבלייַבן, קערט ער זיך אום צוריק אין שטאָט און שטעלט זיך צוריק צו דער אַרבעט.

נאָר לאַנג האַלט עס שוין ניט אָן: דער הוסט קערט זיך אום צוריק. אַ שטענ־דיקע מידקייט האַלט אים אָפט אין בעט און דער דאָקטאָר ראָט אים ער זאָל פאַרלאָזן ניו־יאָרק.

ווען זיי האָבן ענדלעך באַשלאָסן צו פאָרן קיין קאַליפאָרניע, איז דאָס קינד אַלט געווען זיבן יאָר. זיי קומען אָן קיין לאָס אַנדזשעלעס. זיי דינגען אַ דירה אויף אַ באַרגיקן געגנט, וואו די לופט איז ריין. זי באַשליסט „אויף דערווייל" צו זוכן אַרבעט.

נישט גרינג איז דאָס איר אָנגעקומען. אָבער ענדלעך באַקומט זי אַ גוטע שטעלע. די טאָפּלטע אַרבעט וואָס איז אויף איר אַרויפגעפאַלן ווערט שווערער און שווערער... די שטענדיקע זאָרג פאַר איסאַקן מיטן קינד, ווען זי האָט איבערגעלאָזט אינדערהיים, ווירקט שלעכט אויף איר געזונט. נאָך אַ לענגערע צייט אָנגיין אַזוי, האָבן איר פריינט געראָטן, אַז זי זאָל איסאַקן אַרייַנגעבן אין אַ סאַנאַטאָריע... אָבער זי קאָן אַזאַ זאַך ביי זיך ניט פועלן.

יאָרן שווערע גייען פאַרביי. איסאַקס קראַנקייט עסט אויף זייַן שיינע נשמה. ער ווערט נערוועז, אייפערזיכטיק. קוקט אויף אַלץ און אַלעמען מיט קנאה און אייפערזיכט, וואָס ווערן שווערער צו פאַרטראָגן פון טאָג צו טאָג. ניט נאָר איז ער אייפערזיכטיק אויף איר ווי אַ פרוי, נאָר אפילו צו איר געזונט...

זי זעט ווי ער ליידעט ווען זי טוט אָן אַ נייע קלייד. זיינע פיבערדיקע אויגן צינדן זיך אָן. אויף די בלאַסע באַקן צעשפּרייטן זיך זיינע לעצטע טראָפּנס בלוט און מיט זיין הייזעריקן קול שרייט ער אַרויס:

— צו וואָס דאָס פּוצן זיך! איך בין דאָך נאָך ניט טויט?...

זי הערט און שווייגט. זי טוט אַלץ וואָס איז אין איר כּוח כּדי צו פאַרלייכטערן זיין אומגליקלעך לעבן. ביי די ווערטער וואָס ער האָט אַרויסגערעדט, האָט אַ מאָדנער, טיפער געפיל פון גוטסקייט צו איר ליידנדיקן איסאַקן, וועלכער איז איצט געלעגן און ניט געוואוסט, אַז דאָס זיינען זיינע לעצטע טעג...זי האָט זיינע הענט אין אירע אַריינגענומען. געגלעט זי. טרערן האָבן אַ פליי גענומען קעגן איר ווילן. זי האָט געוואוסט אַז דער סוף איז נאָענט...

אין אַ פאַרטאָג, ווען זיצנדיק לעבן זיין בעט, האָט ער אירע הענט געהאַלטן און דער קאַלטער שווייס פון זיינע הענט האָט איר נאָס געמאַכט. זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. זי האָט אירע הענט פון זיינע ניט אַרויסגענומען. איסאַק האָט הייזעריק אַרויסגעפּליסטערט: — אַ שאָד, אַ שאָד, מיין טייערע... און... די ענדע צו זיינע ליידן איז געקומען.

דאָס פרימאָרגן־ליכט האָט זיך דורך די פענצטער צעשטראַלט. אַ בליץ־שטראָם האָט זיך אַריינגעריסן אין איר געדאַנק: איך בין פריי! פריי צו אָטעמען! פריי אַ לאַך צו טאָן! פריי צו באַוועגן זיך! ניטאָ ווער עס זאָל מיין נשמה מיט שפּיזן שטעכן... אויס־אויס!

נאָר פּלוצים דערשרעקט זי זיך פאַר דעם דאָזיקן געדאַנק. אַ געשריי רייסט זיך אַרויס פון איר האַלדז און זי טוט אַרוף איר קינד. משהלע לויפט אַריין, אַ שכן קומט.

ליזאַ האָט זיך עפּעס ווי פון אַ קאָשמאַר אויפגעכאַפּט ווען זי האָט דורכ־געבלעטערט אירע לעצטע יאָרן מיט איסאַקן. עס איז אַ קעלט אַדורך איר גאַנצן לייב. יאָרן האָט זי פון איר לעבן אים געגעבן, געגלויבט זי וועט אים ראַטעווען. ער איז דאָך ממש אין איר בלוט אַריין... נאָך אפילו היינט, נאָך דעם ווי ער איז שוין טויט אַ לענגערע צייט, אַז זי טוט אָן אויף זיך אַ ניי קלייד, זעט זי נאָך אַלץ זיינע קראַנקע בליקן אויף זיך! — באַפרייען? ווער זאָגט דאָס מען קאָן זיך באַפרייען? . . .

ליזאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון באַנק און מיט אומעט אין האַרצן און שווער געמיט איז זי שטיל אַוועק צו זיך אַהיים . . .

---

## אָפּשלום פון 33טן זמן פון קולטור קלוב, שבת אָוו., 13טן יוני

### אַ גייסטרייכע קינסטלערישע פּראָגראַם

**דער באַרימטער פידל־קינסטלער, דזשאַמחאַ דאַטסקאַ, און דער בעל־מנגן און פאָלקס־זינגער, שמואל קעלעמער, וועלן פאָרטראָגן יידישע און קלאַסישע קאָמפּאָזיציעס.**

---

ז. בונין

# יאָסעמיטע

יאָסעמיטע טאָל,
דו זיבעטער וואונדער!
איך באַוואונדער
באַזונדער
יעדן פעלדז,
יעדן באַרג.
דאַכט זיך:
יעדער באַרג —
פאַר זיך אַליין.
נאָר ניין!
אַלע בערג —
איין האַרמאָניע;
אַלע קלאַנגען —
איין סימפאָניע!
הערט און זעט!
אַ יידישער פּאָעט
איז אַזש אַהער
פאַרקראָכן
און — ס'איז יום-טוב
אינדערוואָכן!
שטייט ער, דער פּאָעט,
אָט-אָ דאָ.
די שעה
איז הייליק,
וואוילּיק:
חלק עולם הזה
קריגט ער דאָ
אין דעם גן-עדן
התחתון,
אין דעם באַזאַכטן —
יאָסעמיטע טאָל.

***

אָט איז דער שפּיגל-טייך.
ווי געראָטן
יעדער שאָטן,
שטיינדל,
חנ'דל,
פון דעם געגנט.
שיינט צי רעגנט —
שפּיגלען אָפּ זיך
אין דעם טייכל,
וואָס האָט צו זיך ניט
קיין פאַרגלייכל!
בכן איז ער געשטעמפּלט
מיטן זיגל:
„טייך פון שפּיגל".

***

שטייט די נאַכט
אין טאָל פאַרטראַכט
איך שטיי אַליין.
ווי שיין!
אויפן שטערן,
אונטן — בערן;
אויבן — די לבנה,
אונטן — אַזאַ סכנה!

***

„גלייזשיר פוינט"
דו פּרט פון אַלע פּרטים!
דער אָטעם אַזש פאַרכאַפּט
ווי איר זעט מיך אַ יידן!
אַ פרידן
באַהערשט מיין זעל.
כ'בין אויפן שוועל
פון גן-עדן.
האַלט איין דעם אָטעם
פון צו ריידן:
ניט קיין ריר,
ניט קיין קלאַנג;
דאָך הערסטו אַ באַוועגונג,
דאָך הערסטו אַ געזאַנג.
נאָר דאָס זיינען געזאַנגען,
קלאַנגען,
וואָס ניט דיין אויער,
נאָר דאָס האַרץ אַפּריער;
די דינסטע,
די איידלסטע געפילן
קאָנען זיי דערהערן,
קאָנען זיי דערפילן. . .
כ'בין אויף די העכסטע הויך
פון יאָסעמיטי:

וואָס פאַר אַ יצירה!
וואָס פאַר אַ בחירה!
יעדעס בלעטעלע—
אַ שירה;
יעדעס בלימעלע
אַ תפילה.
גוואַלד, יידן,
וואו נעמט מען דאָ אַ לירע ? ! !

***

ויהי ערב, ויהי בוקר—
וואונדער נאָר פון גאָט!
אין אָט-דער שטיינער-שטאָט.
איך שטיי אונטערן געזאַנג
פון די וואַסערפאַלן
וועלכע קוואַלן,
שאַלן,
פאַלן,
ווי וואַואַלן
פון אַ צאַרטן כלה-קאָפּ—
פון שפּיץ באַרג
אין טאָל אַראָפּ...

***

אייזיק ניוטאָן האָט שוין לאַנג
דערפינדעט
און באַגרינדעט:
וואָס עס גייט אַרויף,
מוז אַרונטער...
מונטער
לאָז איך זיך צוריק.
עס פאַלט מיין בליק
אויף די „מאַריפּאָזאַ"
און „וואַוואָנאַ" בוימער;
בוימער זינען די ציטן
פון כדרלעומר!...

אָט ליגט דאָ אויסגעצויגן
ווי אַ גראַף
גאָטס באַשאַף
דער „געפאַלענער גיגאַנט."
אַמאָל געווען
אַ בוים—אַ פּראַנט—
דעם הימל באַלד
געקענט דערלאַנגען;
איז עס דער נאַטור
ניט איינגעגאַנגען.
(יעדער ווייסט—
די נאַטור האָט פיינט
מ'האַלט זיך גרויס).
האָט אַ דונער-בליץ
געטאָן אַ שמיץ
דעם גיגאַנט
צו דער ערד די רויער;
אַ האַלב שטעטל
פון דעם איינעם בוים
פאַרבויען קאָנען בויער
און כאָטש ער איז
שוין צעגעסן
פון כל אַ וועטערן,
איז בלויז זיין רוקן
אָנצוקוקן—
אויף אַ לייטער מוז מען קלעטערן!
און אָט האָט גאָר אַ בוים
פון „מאַריפּאָזאַ"
געהאַט די העזה
צו וואַקסן וווּ ער ווייסט
וויפיל טויזנט יאָרן,
וואו „אויטאָס" ווילן
קאָנען אַדורכפאָרן.
האָט מען דורך זיין מיטן
אַ וועג אַדורכגעשניטן;
און דורכן בוים פאָרט מען,
גייט מען;
און דעם בוים—
ווי ניט אים מיינט מען!...

***

וואונדער דאָ—
און וואונדער דאָרטן!
יאָסעמיטי—
אַ צויבער-גאָרטן!
אַ שאָד נאָר, וואָס צו אַלץ
מוז נעמען דאָך אַמאָל אַ ענדע:
איז אויף ווידערזעען, יאָסעמיטי,
דו, אויף וואָר
אייביקע לעגענדע!

א. באַביטש

# אַ פּאָר ווערטער וועגן מאיר בראָונס בוך

אונדזער רעדאַקטאָר פון „חשבון", י. פרידלאַנד, האָט מיר די טעג אָפּגערופן, איבּ איך האָב שוין פאַרטיק מיינע „פּעדער־שפּריצן" פאַרן פּסח נומער „חשבון".

האָב איך אים געבעטן, אָנשטאָט די „פּעדער־שפּריצן" מיר לאָזן זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן מאיר בראָונס בוך, וואָס איך האָב ערשט איבערגעלייענט. און זאָגן וויל איך אַ פּאָר ווערטער וועגן בוך נישט חלילה ווי אַ קריטיקער, נאָר ווי אַ חבר, אַ לייענער.

זאָגט חבר בראָון אין זיין בוך:

„נישט געקוקט אויף דעם וואָס איך בין אַ בן־שבעים פאַרמאָג איך נאָך גענוג ענערגיע און גלויבן. איך שלעפּ נישט אויף זיך אַרויף די עלטער. איך האָב נאָך אַ יוגנטלעכן גייסט און אַ טיפע אמונה. איך דענק אַז איך האָב באַטראָטן דעם ריכטיקן וועג וואָס פירט צום האַרצן און צו דער נשמה פון מיין פאָלק."

מיט די ווערטער פאַרענדיקט מ. ל. בראָון זיינע ביאָגראַפישע נאָטיצן.

וויל איך מיט פריידן באַשטעטיקן די דאָזיקע דערקלערונג. ווי באַקאַנט, האָט בראָון באַזוכט לאָס אַנגעלעס דעם ווינטער אין די אינטערעסן פונם באָנד קאַמפּיין. בין איך געוווען באמת איבערראַשט פון זיין יוגנטלעכן אויסזען. ווי זאָגט ערגעץ ה. רויזענבלאַט: „ער איז בלויז געוואָרן אַביסל גרוי." ווייטער האָט ער גע־שפּרודלט מיט ענערגיע סיי צווישן זיינע חברים, סיי ביי זיינע עפנטלעכע אַרויס־טריטן. די זעלבע פיינע קולטורעלע האַלטונג, די זעלבע שאַרפקייט פון געדאַנק.

דעריבער האָב איך מיט נייגעריקייט דורכגעאָרטעט זיין בוך. און דער בוך האָט מיך באמת איבערראַשט. אַזאַ ים מיט אינפאָרמאַציע און אינטערעסאַנטן לייען־מאַטעריאַל, אַז איך האָב זיך ממש פון בוך נישט געקאָנט אָפּרייסן. עס איז נישט פון דעם סאָרט געשיכטע־ביכער, וואָס געוויסע חברים גיבן אַרויס, און מען לייענט זיי ווי אַ חוב. עס איז עכט אינטערעסאַנטער לייען־שטאָף. אַ שטייגער די אָפּטיילונג „פּערזענלעכקייטן אויף מיין וועג." דאָס זעט איר אויף אַזאַ פיינעם בעלעטריסטישן אופן געמאָלן די אַלע מענטשן וועלכע זיינען אונדז אַלעמען באַ־קאַנט. איך האָב עס געלייענט צוויי מאָל און איך שעם זיך נישט אויסזאָגן, איך וועל עס לייענען אַ דריטן מאָל.

די אַנדערע געלעגנהייט אַרטיקלען פון בוך זיינען געווען געדרוקט צו פאַרשידענע צייטן.

מאיר בראָון איז זייער אָפט געווען דער שליח פון אונדזער באַוועגונג, צו פאַרשידענע קאָנגרעסן, קאָנפערענצן אין איירָאָפּע, ישראל און אַמעריקע. זייענ־דיק אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער ציוניסט און אַ העכסט קולטורעלער מענטש, האָט ער אויף זיין אייגענעם אופן רעאַגירט איבערגעבנדיק זיינע איינדרוקן.

מאיר בראָון האָט אַ סך נאָכפאָלגער אין אונדזער יידישער געזעלשאַפטלעכ־קייט. ער האָט אומעטום מיט זיין פערזענלעכקייט געווירקט פאַר דעם קיום און המשך פון אונדזער פאָלק. פון דעם בוך זעט מען אויף וואָס פאַר אַן אופן ער איז געווען אַ פּיאָנער אויף יעדן געביט אין אונדזער לעבן; סיי אין דעם באַשאַפן פונם שול־וועזן, סיי דעם סעמינאַר און אַלע אַנדערע קולטור אינסטיטוציעס.

דאָס בוך איז פּראַכטיק אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם פאַרבאַנד פאַרלאַג ניו־יאָרק, און ענטהאַלט 320 זייטן.

יצחק ניומאַן

# דער ספר דניאל

(עסיי)

דער ספר דניאל האָט צוועלף קאַפּיטלעך און איז געשריבן אין אַ געמישטע שפּראַך, האַלב אַראַמייאיש, האַלב העברייאיש. פאַרוואָס די מישונג פון שפּראַכן? אויף דעם זאָגן די פאָרשער: אָריגינעל איז טאַקע דניאל געשריבן געוואָרן אין העברייאיש, נאָר ווייל אַ טייל איז פאַרלוירן געגאַנגען, האָט מען אַריינגענומען יענעם טייל פון דער אַראַמייאישער איבערזעצונג. אַנדערע דענקען, אַז עס האָבן צירקולירט פאַרשידענע מגילות אין ביידע שפּראַכן. אויף דער פראַגע, ווער איז געווען דער מחבר? זאָגט די גמרא (בבא בתרא י״ד) „די אַנשי כנסת הגדולה האָבן געשריבן די ספרים: יחזקאל, תרי־עשר, אסתר און דניאל.

לויט דעם סדר פון צוזאַמענשטעל איז דניאל דער לעצטער בוך פון די הייליקע ספרים און האָט אייגנטלעך געדאַרפט קומען נאָך דברי הימים. אָבער די חכמים, די איינזאַמלער פון תנ״ך, האָבן דניאלן אַריינגעשטעלט נאָך דעם ספר אסתר און פאַר די ספרים עזרא און נחמיה, דאָס הייסט, צווישן די כתובים און נישט צווישן די נביאים.. הגם דניאל דערגאַנצט די נביאישע אַספּעקטן וועגן מאַנאַטעאיזם און דעם משיח געדאַנק, אויך דעם אָנזאָג פון דער גאולה, ווערט אָבער דניאל ניט גערעכנט פאַר קיין נביא. בלויז דער וואַנגעליום רעכנט דניאלן פאַר אַ נביא, און די סעפּטאַגינטאַ (תרגום השבעים) שטעלט דניאלן נעבן יחזקאל.

פיל פאָרשער ווייזן אָן, אַז דער ספר דניאל איז געשריבן פון איינעם פון דער סעקטע חסידים, די פאַרלויפער פון דער שפּעטערדיקער פרושים פאַרטיי, ניט אין דער צייט פון נבוכדנאצר, ניט אין דער צייט פון יחזקאל הנביא, נאָר אַסך שפּעטער; און דער מחבר האָט אַנאָנים אויסגעבאָרגט אַ היסטאָרישן נאָמען וואָס יחזקאל דערמאָנט פאַר די דריי צדיקים: נח, איוב און דניאל. און ווען דער מחבר רעדט פון בבל, מיינט ער אין אמתן מלכות יוון, און ווען ער זאָגט נבוכד־נאצר — מיינט ער אַנטיוכס אפּיפנוס דעם רשע.

דער תחית המתים געדאַנק, וואָס דניאל זעט אין זיינע חזיונות: „פיל פון די וואָס שלאָפן אין דער ערד וועלן אויפוואַכן״— דער דאָזיקער גלויבן איז ניט באַקאַנט געווען פריער ווי אין דער חשמונאים עפּאָכע. אויך דער פאַקט וואָס בן־סירא, וועלכער האָט געלעבט אין סוף פון די סופרים, איז ווען ער דערמאָנט אַלע גרויסע מענטשן פון פאַר זיין צייט, דערמאָנט גאָרניט דעם געשטאַלט דניאל, פונקט ווי ער פאַרשוויגט וועגן תחית־המתים, ווייל דער גלויבן אין תחית־המתים איז ערשט געוואָרן פּאָפּולער אין דער צייט פון די חשמונאים און ניט פריער, מחמת דאָס האָט געזאָלט זיין אַן ענטפער פאַר די רעליגיעזע מאַרטירער, וואָס זיינען אומגעקומען אונטער דער בייזער ממשלה פון אַנטיוכס הרשע.

די טרויעריקע לאַגע פון די יידן אין יענע ביטערע יאָרן אין זייער גראַנגל אָנצוהאַלטן יידישקייט, טראָץ די שטרענגע גזירות, האָט באַווירקט דניאלן אָנצו־שרייבן זיינע רעוואָלאַציעס פון חזיונות און דמיונות, כדי צו דערוועקן גרויס האָפענונג פאַר בעסערע צייטן — אויב נישט איז אונדזער צייט, איז אין דער צוקונפט; אויב נישט ביי אונדזער לעבן אויף דער וועלט, איז אויף יענער וועלט, די קומענדע וועלט לעולם הבא...

* * *

דער ספר דניאל איז איינגעטיילט אין צוויי טיילן: די ערשטע העלפט איז בעלעטריסטיש, וואָס שילדערט דאָס פרום נאַציאָנאַל יידיש לעבן, און האָט אַ טענדענץ קעגן דער אַסימילאַציע וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יידן אין יענער צייט. ער מאָלט אַ בילד פון די פאַרפאָלגונגען און דער פאַרלענדונגס אַקציע דורך גזירות שמד.

דניאל דערציילט ביאָגראַפיש וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אים, צוזאַמען מיט זיינע יוגנט חברים: חנניה מישאל און עזריה, וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן קיין בבל צו נבוכדנאצרן אין פּאַלאַץ, און ווי זיי האָבן זיך אויסגעהיטן פון ניט מישן זיך מיט די גוים, ניט צו עסן זייערע שפּייזן, ניט צו טרינקען זייער וויין, און זיך דערנערט בלויז מיט גרינסן און וואַסער, אָבער עס האָט זיי ניט געשאַדט צום געזונט. און ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון צו בוקן זיך צום גאָלדענעם אָפּגאָט, האָט מען זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ הייסן קאַלך־אויוון. אָבער עס איז מיט זיי געשען אַ נס: דער פייער האָט זיי ניט אָנגערירט. דניאל אַליין איז דאַמאָלט געווען אויף אַ שליחות ערגעץ אַוועק.

ווייטער דערציילט זיך אַ מעשה מיט דניאלן אַליין. פאַר דעם וואָס אויך ער האָט זיך ניט געוואָלט בוקן צום צלם, האָט מען אים אַריינגעוואָרפן אין לייבן־גרוב. און אויך מיט אים איז געשען אַ נס: די לייבן האָבן אים ניט געטשעפּעט.

ענלעכע שילדערונגען ווערן געגעבן און פּינקטלעך איבערגעגעבן אין חשמו־נאים בוך. אויף דעם ווייזט דובנאָוו אָן, אַז דניאל איז געשריבן געוואָרן אין דער זעלביקער צייט וואָס מגילת אסתר, און מעגלעך, אַז די מעשה המן איז גאָר גע־מיינט אַנטיוכס הרשע, ווייל דער ערשטער ראַסן־האַס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פון צורר היהודים, אַנטיוכס, און יידן האָבן זיך געשטעלט קעגן די געזעצן וואָס זיינען געווען אין קאָנפליקט מיט דער יידישער תורה . . .

אין די ווייטערדיקע שילדערונגען דערציילט זיך ווי אַזוי נבוכדנאצר איז געשטראָפט געוואָרן פאַר חרוב מאַכן דעם בית המקדש און פאַר מאַכן זיך פאַר אַ גאָט: —

„ער איז געוואָרן ווי אַ חיה און האָט זיבן יאָר געלעבט אין פעלד און געגעסן גראָז ווי די אָקסן, און פון הימל־טוי איז באַנעצט געוואָרן זיין לייב ביז זיינע האָר זיינען אויסגעוואַקסן ווי ביי אַן אָדלער און זיינע נעגל ווי ביי די פויגל."

אַן ענלעכע געשיכטע וואָס ברענגט אַרויס דעם מוסר־השכל אַז גאָט שטראָפט דעם רשע פאַר זיין רישעות, האָט געטראָפן מיט דעם מלך בלשצר, בשעת די קעניגלעכע סעודה מיט פיל געהויבענע געסט:

„און זיי האָבן געטרונקען וויין און געלויבט די געטער פון גאָלד און זילבער, פון קופּער און אייזן און שטיין, זיינען אַרויס פינגער פון אַ מענטש'ס האַנט און האָבן געשריבן אַקעגן דעם לייכטער, אויפן קאַלך פון דער וואַנט, און דער מלך האָט געזען די האַנטפלאַך און זיין פאַרב האָט זיך געביטן, און זיינע רעיונות האָבן אים געשראָקן, און אַלע חכמים פון מלך האָבן ניט געקענט איבערלייענען דעם שריפט. נאָר דניאל האָט געמאַכט וויסן דעם פּתרון: — ווייל דו האָסט זיך דערהויבן אַקעגן דעם האַר פון הימל, און צו די געטער האָסטו געלויבט, איז דאָס שריפט: „מנא מנא תקל ופרסין" אָנגעצייכנט: גאָט האָט אָפּגעציילט דיין מלוכה און איז געענדיקט; דו ביסט געוואויגן געוואָרן אויף אַ וואָגשאָל, דיין מלוכה ווערט צעטיילט און אַוועקגעגעבן." . .

„אין דערזעלביקער נאַכט איז בלשצר דערמאָרדעט געוואָרן, און די מלוכה איז אַריבער צו פּרס ומדי."

ביידע דערציילונגען: נבוכדנאצר'ס ווערן אַ חיה אין וואַלד, און בלשאַצר'ס מפּלה, זיינען פון איין קאַטעגאָריע און איז געצילט צו באַווייזן אַז גאָט שטראָפט דעם רשע פאַר זיין שלעכטס.

אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך פון ספר דניאל געפינט זיך שוין אַנאַנדער שכר ועונש. אַז יידן לאָזן זיך קוילען און גייען אויף קידוש השם צום טויט פאַר קיין שום זינד, איז געווען די פראַגע: וואו איז דער שכר און אַריכת ימים? אַז די קדושים וועלן דאָך ניט לעבן צו זען די נחמה פון זייער פאָלק. קומט הדניאל אין צווייטן טייל פון דער דערקלערונג: אַלע קדושים-מאַרטירער וועלן קריגן זייער שכר אין דער קומענדער וועלט, אין עולם-הבא. און דאָ געפינען מיר צום ערשטן מאָל דעם געדאַנק פון תחית המתים, ווי ער זאָגט: „און פיל פון די טויטע וועלן אויפוואַכן פון שלאָף." ער זאָגט: פ י ל, און ניט א ל ע, אַז נאָר יחידי סגולה וועלן אויפשטיין צו תחית המתים . . . בכלל האָט דער דאָזיקער געדאַנק געקענט דערוואַכן אין דער פאַר חשמונאים פּעריאָדע, אין דער צייט פון אַנטיוכס שמד גזירות. אויך ד"ר ש. בערנפעלד, אין זיין „מבוא לכתבי קודש" האַלט אַז ספר דניאל איז געשריבן אונטער מלכות יוון און ניט אונטער מלכות בבל.

הגם דער ספר דניאל איז ניט קיין היסטאָריש בוך, ווייל די ציפערן און דאַטעס זיינען ניט געגנוי און ניט פּינקטלעך, און איז לויט'ן נוסח פון: „אין מוקדם ואין מאוחר," דערפאַר איז אָבער דניאל אַפּאָדיקטיש, אַ פילאָזאָפיש בוך, וואָס האָט מיט זיינע געשטאַלטן און וויזיעס דערוועקט גרויס האָפענונג און טרייסט צו יענע אַנוסים און קדושים מאַרטירער פון די גערודפטע צייטן.

---

יצחקי

# מכוח אייגענע און נאָענטע ענינים

## טענות צו לאָס אַנגעלעסער יידישע שרייבער

אַ לייענער, ז. פיעלד, אין ל. א. האָט אין דער פאָלקס-טריבונע פון „ט.-מ"זש" אַרויסגערוקט אַ האַרבע טענה צו די ל. א. שרייבער, וואָרום מען האָט זיי נישט געזען צום הזכרה אָוונט פון אַברהם ליעסין און ברוך וולאַדעק ע"ה, וואָס אַ ברענטש פון אַרב. רינג האָט איינגעאָרדנט.

— וואָס פאַר אַ ביטערער געפיל דאָס איז געווען — קלאָגט זיך דער פריינט ז. פיעלד — קומען צום אנדענק און טרעפן דעם זאַל דריי-פערטל ליידיק, נישט זען דאָרטן קיינעם פון די ל. א. שרייבער, חוץ זלמן זילבערצווייג, זיין פרוי צילי אוןדי דיכטערין פונם בוך „שטילע טריט". (זאָל דאָ מגלה סוד זיין, אַז דער נאָמען פון דער שרייבערין פון „שטילע טריט" איז לאָטי מלאך). — קיין שום זאַך האָט אַזוי נישט געמאַטערט — איז ער ממשיך אין בריוול — ווי די פראַגע: וואו זיינען זיי, די שרייבער? פאַרוואָס זיינען זיי נישט געקומען מזכיר זיין זייער בן-דור, ברוך וולאַדעק, און זייער רבין, אברהם ליעסין? וואו זיינען זיי געווען יענעם אָוונט?...

די זעלביקע פראַגע, פר. פיעלד, דאַרף געשטעלט ווערן צו די 3000 מיט-גלידער פון אַרב. רינג: וואָרום טאַקע זיינען זיי ניט געקומען צו באַערן דעם אנ-דענק פון זייערע פירער? די טענה פון פר. פיעלד צו די שרייבער איז ניט געשיקט געוואָרן אויפן ריכטיקן אַדרעס.

אויב די אָרגאַניזירער פון דעם הזכרה אָוונט האָבן זיך שוין יאָ „פאַרבענקט" נאָך די שרייבער, ווארום האָבן זיי נישט אַרויסגעשיקט קיין איינלאַדונגען צו די שרייבער, אַז אַזאַ הזכרה וועט דורכגעפירט ווערן? פון וואַנען זאָלן זיי עס וויסן? אַז קיין יידישע צייטונג האָבן מיר דאָ ניט; די יידישע ראַדיאָ שעה ווערט געטראָגן 10 אינדערפרי, ווען דער רוב איז באַשעפטיקט; די מאָגערע נאָטיצלעך פון ל. א. אונטערנעמונגען אין די ניו־יאָרקער צייטונגען, ווערן קוים באַמערקט און קומען ס'רוב אַריין אַחר המעשה. און קיין איינלאַדונגען צו די שרייבערס האָט איר אויך ניט געשיקט, פון וואַנען זאָלן זיי עס וויסן ? . . .

ריידנדיק מכוח דעם ענין איז ווערט צו דערמאָנען דעם פיינלעכן פאַקט, אַז אויב טענות און קריוודעס, האָבן די שרייבערס, סיי אַלס יחידים און סיי ווי אַ קאָלעקטיוו, אַרויסשטעלן צו דער לייטונג פון אַרבעטער רינג און נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, פאַר זייער ביטולדיקע באַציאונג צו היגן שרייבערטום בכלל.

אוודאי פרעגן אָפט יידישע פאָלקס־מענטשן ביי די גרעסערע עפנטלעכע קולטור־אַסיפות (ווי אַ קבלת־פנים פאַר אַ גאַסט־שרייבער, וואָס די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס ברענגען אַראָפּ פון ניו־יאָרק): — וואו זייענן די היגע שרייבער? ווארום זעט מען זיי ניט?!

דער ענטפער איז אויבנאויף: זעלטן ווען די היגע פירער געפינען פאַר נויטיק אָדער פאַסיק צו דערמאָנען אַפילו, אַז די און די שרייבער און דיכטער זיינען דאָ אין זאַל לכבוד דעם חשובן גאַסט, שוין אָפּגערעדט פון אַן עפנטלעכע באַגריסונג אין נאָמען פון דעם היגן שרייבערטום.

עס זעט אויס, אַז אָט־די אַזוי־גערופענע פירער פון די דערמאָנטע אָרגאַני־זאַציעס האַלטן: אויב די שרייבערס און זייער שריפט דינען ניט זייערע אַמביציעס און אָרגאַניזאַציע אינטערעסן, האָבן זיי בכן ניט קיין שום באַציאונג און אינטערעס נישט פאַר די שרייבערס און נישט פאַר זייער געשריבן וואָרט.

ווי אַ פועל־יוצא פון אַזאַ באַציאונג, האָט זיך געשאַפן דאָ אַזאַ מצב, ווי איינע די אַנדערע פאַרזעען און פאַרקוקן. דער פאַרלוסט איז פאַרביידן.

אַ תשובה אויף דער פראַגע, פר. פיעלד, און אויך אַנדערע, וואָס וואונדערן זיך אויף אָט דעם מאָדנעם פּאַראַדאָקס אין אונדזער יידישן סעקטאָר דאָ אין שטאָט, דאַרפט איר זוכן ביי די פירנדיקע עסקנים פון אייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס.

## אונדזערע ביכער-קאָמיטעטן, געזונט זאָלן זיי זיין!

(וועגן שרייבער און לייענער)

שרייבערס מחוץ לאָס אַנגעלעס זיינען אונדז דאָ שטאַרק מקנא : — זעט, ביי אייך זיינען דאָ ליבע, טייערע יידן, ליבהאָבערס פון יידישן בוך; קאָמיטעטן וואָס פאַרשפּרייטן אייערע ביכער. באמת אַן עיר ועם אַספר!

ס'איז ווערט בכן צו באַקענען אַביסל דעם לייענער מיט דעם פאַקטישן מצב פון דעם אויפנעם און אָפּנעם פון יידישן בוך אין לאָס אַנגעלעס.

ס'איז אמת, ביכער ווערן דאָ אַרויסגעגעבן, אפשר מער ווי פון וועלכן יידישן ישוב אויף דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ. דאָס איז מחמת דעם, וואָס אין ל. א. האָבן זיך קאָנצענטרירט אַ גרעסערע צאָל שרייבערס און זיינען דאָ געוואָרן באַ־

שטענדיקע תושבים. און ס'איז באַטירלעך, שרייבער, וועלכע האָבן פריינט און פאַרערער, שאַפן אַ קאָמיטעט און הייבן אָן אַן אַקציע לטובת דעם באַטרעפנדיקן בוך, זאַמלען אַבאָנימענטן און אַזוי ווייטער. און... דאָ טרעפן זיך אָן די ביכער־„קאָמיטעטניקעס" מיט כלערליי מכשולים. אין זעלטענע פאַלן טרעפט, אַז איינער זאָל זיך מיט זיין אייגענעם ווילן אַבאָנירן אויף אַ בוך. צו דעם רוב דאַרף מען צושטיין, כמעט ווי אַרויפצווינגען.

דער דערפאָלג פון אַ בוך־פאַרקויף הענגט אָפּ אָן דער „האַרד־לאַק סטאָרי" וואָס מ'האָט צו דערציילן וועגן דעם באַטרעפנדיקן מחבר; דאָס הייסט, וועגן זיין קלעגלעכן מאַטעריעלן און אומגעזונטן מצב וואָס ער געפינט זיך. איז דער מחבר פון דעם בוך, וואָס איר ליגט פאַר, חלילה, אַ כראָניש קראַנקער, מיט איין לונג אָדער אַנאַנדער חולאת, און אין צוגאָב נאָך אַ גרויסער קבצן אין זיבן פאָלעס; האָט איר אַ פּאַרטיקן פּתחון פה און פיזמון: „אַ קראַנקער מענטש נעבעך! מע מוז אים העלפן!"...

מיר ווייסן פון אַ וואוילן יידן, וואָס איז זיך תמיד מתעסק אין די ביכער־קאָמיטעטן, און פאַרקויפט ס'רוב אַ יידיש בוך צו זיינע גויאישע קונדן—מיט דעם פיזמון: „עי פור בוק־רייטער, יו נאָו, ווי מאַסט העלפּ אים."

עס איז פאַראַן אויך ניט ווייניק קאָמיזם אין דעם פּראָצעס פון פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך. עס דערמאָנט אונדז אין דעם שפּאַס וואָס חבר באַביטש האָט פאַרצייכנט, צווישן זיינע פעדער־שפּריצן, אין לעצטן נומער „חשבון":

„ווען מ'האָט זיך געווענדעט מיט י. י. שוואַרצ'ס איבערזעצונג פון יהודה הלוי, צו אַ רייכן „קולטורעלן" יידן, ער זאָל קויפן דאָס בוך. האָט ער תחילת אָפּגעזאָגט מיטן תירוץ: ער קויפט ניט קיין יידישע ביכער! האָט אים אָבער דער אָנבאָטער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז יהודה הלוי האָט נעבעך איבערגעלאָזט אַ יונגע אַלמנה מיט פּיצלעך קינדערלעך; האָט דער עושר ערשט דאַן אַ זאָג געטאָן: — ווארום האָט איר עס מיר פריער ניט דערציילט? און דער גביר־אַדיר האָט טאַקע אויפן אָרט אָנגעשריבן אַ טשעק פאַר יהודה הלוי'ס אַלמנה מיט די פּיצלעך קינדערלעך."...

* * *

אונדזערע יידן, ווי אומעטום, זיינען רחמנים בני רחמנים, גרויסע מנדבים פאַר כלערליי צדקות, „טשאַריטיס" בלע"ז. מעג עס זיין אפילו דורך קויפן אַ יידיש בוך, וואָס ער וועט עס מסתמא קיינמאָל ניט לייענען.

וועגן אָט־דעם פיינלעכן און ביז גאָר טראַגי־קאָמישן ענין האָט דער באַ־וואוסטער שריפטשטעלער, שלמה ראָזענבערג, מחבר פון זיין נייעסטן ווערק: „שלום אַש פון דער נאָענט", פאַרעפנטלעכט אַ לענגערן אַרטיקל אין סעפּטעמבער נומער „אונדזער וועג" (שיקאַגע) וועגן זיינע דערפאַרונגען מיט יידיש לייענער (אויך לאָס אַנגעלעסער) און זייער ממש וואולגאַרע באַציאונג צום יידישן בוך.

ס'ווערט באמת טרויעריק אויף דער נשמה איבער דעם וואָס מע הערט זיך אָן פון די דערפאַרונגען, וואָס סע האָבן סיי די מחברים און סיי די ביכער־„קאָמיטעטניקעס", מיט די שוין, מישטיינס געזאָגט, פּרעטענדירטע קולטורניקעס.

איז דען אַ וואונדער וואָס עס דערשיינט בלויז אַ טויזנט קאָפּיעס ביכער שוין פון די בעסטע יידישע שרייבער, אין דעם גרויסן פינף מיליאָניקן יידישן אַמעריקע ? !

גערעכט איז מרדכי שטריגלער אין זיין קערנדיקע אַרבעט: „אונדזער ליטעראַרישע טראַגעדיע״:—

„אין דער ריי פון יידישע קולטור עסקנים איז פאַראַן אַ פּאַרציע צביעות אפילו ווען זיי זיינען עס ניט אויסן. אפשר איז אויך ניט ווייט פון אמת דער פאָרוואורף, אַז ניט ווייניק קולטור־טוער זיינען נאָר יוצא פאַר זייער אייגענעם געוויסן מיטן טומל אַרום ליטעראַטור״...

ווארעם ווען אַנדערש וואָלט טאַקע ביי אונדז גאָר אַנדערש געווען אויף דעם קולטור געביט!... און דאָס יידיש בוך וואָלט געהאַט אַ בעסערע מערכה ווי סע האָט.

# פינפטער יאָרגאַנג פון „חשבון״

מיט דעם איצטיקן נומער (17) „חשבון״ האָבן מיר אָנגעהויבן דעם פינפטן יאָר פון דער שריפט, ווי אַ ליטעראַרישע אויסגאַבע. האַלטן מיר עס ווי אַ דערגרייכונג. פאַר אונדזער יידישער לאָס אַנגעלעס, וואו ס'זיינען שוין געמאַכט געוואָרן כלערליי פּרוּוון און פאַרזוכן אויף דעם געביט פון ליטעראַרישע זשור־נאַלן, איז עס אפילו אַ פענאָמען.

במשך די לעצטע דרייסיק יאָר זיינען שוין דאָ דערשינען אַ היבשע צאָל ליטעראַרישע אויסגאַבעס: „מערב״, „זונלאַנד״, „פּאַסיפיק״, „ליד״, „אונדזער וואָרט״, „דער בעכער״, „קאַליפ. יידיש לעבן״— אָבער קיין איינער פון די דער־מאָנטע זשורנאַלן האָבן דאָ געהאַט אַריכת ימים. פון איין נומער ביז העכסטנס פיר, פון אַן אויסגאַבע, איז געווען די צאָל פון זייער דערשיינונג.

אונדזער פערטל־יאָר שריפט „חשבון״ האָט שוין יאָ באַוויזן צו דערגרייכן דעם 17טן נומער, מיט גוטע האָפענונגען אויף ווייטער. וועלן מיר מכות דעם איצט ניט מאריך זיין. ווארום איז עס איצט אַנדערש? לאָזן מיר איבער צו אייער אייגענער השערה.

אויב עמיצן אָבער קען איינפאַלן צו דענקען, אַז אונדזער מערכה האָט זיך פאַרבעסערט צוליב דעם, וואָס ל. א. איז במשך דעם לעצטן צענדליק יאָר אַ סך מער פאַרגרעסערט געוואָרן, איז ער זיך במחילה שטאַרק טועה. אמת, די יידישע באַפעלקערונג איז טאַקע אַ סך גרעסער געוואָרן, כן ירבו! אָבער, דער אינטערעס פאַר אַ יידישער שריפט און יידיש וואָרט איז פיל קלענער געוואָרן.

געווען דאָ אַמאָל אַ יידישע וואָכנשריפט — נישטאָ מער. (היינט האָבן מיר דאָ, פיר יידיש־ענגלישע וואָכנבלעטער). דער יידיש־וועלטלעכער שול־וועזן איז איינגעשרומפּן. געווען דאָ מיט עטלעכע יאָר צוריק ד ר יי אַרב. רינג שולן און ד ר יי פאַרבאַנד שולן, געבליבן איז איצט ביי זיי צו איינציקע שולן. פון דער פריער רעקלאַמירטער מיטל־שול און קינדער־טעאַטער איז קיין זכר געבליבן.

„חשבון״ ווערט אויפגעהאַלטן אַ דאַנק יחידי סגולה, געקליבענע, מיט ליבע איבערגעגעבענע צום יידיש־געדרוקטן וואָרט.

זאָל דאָ לשבח דערמאָנט ווערן, אַז דער יידישער קולטור קלוב און דער שרייבער־קרייז און פריינט אַרום דער שריפט, טראָגן אין אַ גרויסער מאָס דעם עול פון דער אויסגאַבע.

א. כראַבאַלאָווסקי

# אַ יום־טוב פון יידישן בוך

## אין דער ביבליאָטעק ביים „דזשואיש קאַמיוניטי קאָונסיל"

די געביידע פון דער יידישער קהילה אין לאָס אַנדזשעלעס, אויף 590 נאָרט ווערמאָנט, איז שוין אַ סך מאָל באַשריבן געוואָרן אין דער יידישער פּרעסע. ווען איר גייט פאַרביי די קאָרידאָרן פון דער שטאָלצער געביידע, באַזונדער פון דריטן שטאָק, וואו עס געפינען זיך די מיינסטע ביוראָס פון „קאָונסיל", און לייענט אויף די שילדלעך פון די טירן די נעמען פון די אָפּטיילונגען, וואו עס ווערט געפירט די פאַראייניקטע אַרבעט פון דער פאַראייניקטער יידישער קהילה דאָ—באַקומט מען דעם איינדרוק פון אַ גוט־אָרגאַניזירטן „מלוכה"־אַפּאַראַט—די מלוכה פון יידיש לאָס אַנדזשעלעס. כאָטש בכלל גענומען איז מען דאָ דערווייטער פון יידישן לשון.

אָבער ביים אַריינגאַנג אין גרויסן הויף פון דער געביידע איז אויפגעבויט געוואָרן אַן איין־שטאָקיקע רויט־ציגלנע געביידעלע, געווידמעט דעם אָנדענק פון פּיטער קאָהן ע"ה, איינער פון די פּאָפּולערסטע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער אין לאָס אַנגעלעס. די דאָזיקע געביידע איז אויפגעבויט געוואָרן מיט דער הילף פון זיינע פריינט און פאַמיליע פאַר דער ביבליאָטעק ביים „קאַמיוניטי קאָונסיל."

ניט לאַנג צוריק איז אין לאָקאַל פון דער ביבליאָטעק פאָרגעקומען אַ פייער־לעכער אָוונט, געווידמעט דער אָפיציעלער דערעפענונג פון דער אָפּטיילונג פאַר יידישער פּרעסע און ליטעראַטור.

די יידישע אָפּטיילונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער גרויסער צאָל ביכער, וואָס זיינען פאַרבליבן נאָך פּיטער קאָהן ע"ה און מיט דער ביבליאָטעק פון אַרום טויזנט ביכער, וואָס משה קאַפּלאַן, אים צו לאַנגע יאָר, האָט אַריינגעגעבן אויפן נאָמען פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי חנה קאַפּלאַן. די יידישע אָפּטיילונג טראָגט טאַקע דעם נאָמען: „מעמאָריאַל צו חנה קאַפּלאַן, פּיטער און נאַדיאַ קאָהן."

משה קאַפּלאַן, דער שטילער, ווייניק־באַרעדעוודיקער קולטור־מענטש און קולטור־טוער, האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט מיטן אָנהויב, נאָר ער זאַמלט ביכער במשך דער גאַנצער צייט זינט די יידישע אָפּטיילונג עקזיסטירט. ער קויפט אויף אייגענעם רעכענונג כמעט יעדן וויכטיקן ניי־דערשינענעם בוך; זוכט אויס אַלטע ביכער אין די יידישע בוכהאַנדלונגען; זאַמלט יעדן יזכור־בוך, וואָס די לאַנדס־מאַנשאַפטן גיבן אַרויס אין אַמעריקע און אין ישראל, און אַזוי אַרום האָט די יידישע אָפּטיילונג, דורך זיינע באַמיאונגען, צוזאַמען מיט די אָנפירער פון דער ביבליאָטעק און אַ סך אַנדערע פריינט — צו דער צייט פון דער דערעפענונג, דערגרייכט די צאָל פון נ י ין ט ו י ז נ ט איינסן, חוץ אַ גאַר גרויסער צאָל אַנדערע עקספּאָנאַטן.

אין די גלעזערנע אויסשטעל־טישן אין זאַל פון דער ביבליאָטעק געפינען זיך: „דער פריינד", אַרויסגעגעבן אין פּעטערבורג; „פאָלקס־צייטונג" מיט נקודות, פון 1902, רעדאַגירט פון מ. ספּעקטאָר און דר. ה. ד. הורוויץ; דער זשורנאַל „דאָס לעבן" פון 1905; „טעאַטער־וועלט" פון 1908, און צוזאַמען דערמיט, די „צוקונפט", אַרויסגעגעבן פון די „אידיש־שפּרעכענדע סעקציאָנען פון ס.א.פּ." אין 1892, און אַנדערע. אין דער בראַשור פון 18 זייטן, וואָס די ביבליאָטעק האָט אַרויסגעגעבן צום דערעפענונגס אָוונט, ווערן אָנגעגעבן 41 אויסגאַבן פון

קאַליפֿאָרניער צייטונגען און זשורנאַלן. דאָס אַלץ איז אַ וויכטיקער ביישטייער צום געביט פֿון יידישער ביבליאָגראַפֿיע.

דער אָנפֿירער פֿון דער ביבליאָטעק איז ראַבאַי רודאָלף לופּאָ, וועלכער איז זייער געשעצט פֿון אַלע וואָס קענען אים. ער האָט שטודירט אין די לערן־אַנשטאַל־טן פֿון פֿראַנקפֿורט־אַם־מיין און פּרעסבורג, דערנאָך אין לוצאַטי־סעמינאַר אין פֿלאָרענץ. קיין אַמעריקע האָט אים געבראַכט דער יידישער געלערנטער, סאָלאָ־מאָן שעכטער, וועמען ער האָט אַרויסגעהאָלפֿן אין דער פֿאָרש־אַרבעט. זיין אַרויס־העלפֿער איז ראַבאַי שמעון בריסמאַן, אַ מענטש מיט ברייטן און טיפֿן וויסן סיי אין דער רבנישער, סיי אין דער וועלטלעכער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור.

אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַזעלכע צוויי אויטאָריטעטן מיט די גרויסע אָנ־זאַמלונגען פֿון ווערק פֿון רעליגיעזן, וויסנשאַפֿטלעכן און ליטעראַרישן אינהאַלט, האָט זיך די ביבליאָטעק ביים ל. א. קאָמיוניטי קאַונסיל דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען אין דער „וועסט" אַזוי ווי אין אַנדערע געגנטן פֿון אַמעריקע, און העלפֿט אַרויס מיט אינפֿאָרמאַציע און פֿאָרש־אַרבעט אַ סך אַנדערע שטעט, וואָס ווענדן זיך צו איר.

און איצט צום עיקר הענין — צום יום־טוב פֿון דער יידישער אָפּטיילונג.

די יום־טוב'דיקע פֿאַרזאַמלונג אין פֿאָרגעקומען אין קליינעם לייען־זאַל פֿון דער ביבליאָטעק. געריכט האָבן די איינאָרדענער אויף אַן עולם פֿון 50 מענטשן, זיי זיינען אָבער געווען איבערראַשט, ווען עס זיינען געקומען 300. איז טאַקע געווען ענג און מ'איז געשטאַנען וואו נאָר אַ שטיקל ליידיק אָרט. ס'איז געווען ווי דער פּרק זאָגט: „עומדים צפופים ומשתחווים רווחים". . . מ'איז געשטאַנען צוזאַמענגעדריקט, אָבער אַ באַזונדער פֿייערלעך־יום־טוב'דיקע שטימונג האָט באַהערשט דעם עולם. מ'האָט געזען די קולטור־טוער און מיטגלידער פֿון קולטור קלוב, פֿון אַרבעטער רינג, פֿון יידיש־נאַציאָנאַלן פֿאַרבאַנד, פֿון די לייען־קרייזן. די אַלע יידיש־וועלטלעכע מענער און פֿרויען האָבן באַוויזן, אַז אין זיי לעבט נאָך אַ סך „שמחת תורה" פֿון זיידעס און טאַטעס . . .

פֿאַרשטייט זיך, אַז די ווערטער וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן צו דער געלעגנ־הייט, האָבן פֿאַרגרעסערט די פֿייערלעכקייט פֿון אָוונט. ראַבאַי חדש, דער למדן און קענער פֿון יידישער און העברעאישער ליטעראַטור, האָט אין אַ קערנדיקן יידיש גערעדט וועגן גרויסן ווערט פֿון דער יידישער ליטעראַטור פֿאַרן יידישן לעבן און יידישער קולטור. דער באַליבטער מנגן, חזן נתן קאַצמאַן, האָט געזונגען יידישע לידער, און אונדזער וואָרט־קינסטלער, אַברהם זיגעלבוים, האָט רעצי־טירט פֿון דער יידישער פּאָעזיע. וועגן דער לאַגע פֿון דער יידישער ליטעראַטור האָט גערעדט זלמן זילבערצווייג. מיט קורצע באַגריסונגען זיינען אַרויסגעטראָטן אין ענגליש די פֿירער פֿון „קאָמיוניטי קאָונסיל", טשאַרלס זיבעל און מאָוריצי דאַניעלס. ראַבאַי לופּאָ, וועלכער האָט אָנגעפֿירט מיט דער פֿייערלעכקייט, האָט געשלאָסן דעם אָוונט מיט אַ ווענדונג צו דער יידישער געזעלשאַפֿט נענטער זיך צו באַקענען מיט דער ביבליאָטעק און איר שטיצן אין אַ גרעסערער מאָס מאָראַליש און מאַטעריעל.

מען וואָלט געדאַרפֿט אַביסל ברייטער און לענגער באַשרייבן די אַנדערע אָפּטיילונגען און טעטיקייטן פֿון דער ביבליאָטעק — און זיי זיינען פֿאַראַן אַ סך — אָבער דער באַגרענעצטער אָרט דערלויבט דאָס ניט. וועלן מיר דאָס איבערלאָזן

אויף אַ צווייטן מאָל. מען דאַרף אָבער עפּעס צוגעבן צו דערגאַנצן דאָס בילד.

די באַזונדערע באַדייטונג פון דער פייערלעכער פאַרזאַמלונג, מיט וואָס זי איז געווען אַנדערש ווי די צענדליקער קולטור אָוונטן און פאַרזאַמלונגען, וואָס קומען ביי אונדז פאָר, וואָס יעדערער האָט געפילט, אַז יידיש, די יידישע ליטע־ראַטור, יידישער זשורנאַליזם פאַרנעמט דאָ אַ גאָר אַנגעזעענעם אָרט און מען קען דעם פאָלקס־לשון און די קולטור, וואָס איז יידיש געשאַפן געוואָרן ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, אָדער פאַרשטויסן אין אַ ווינקל. באַזונדער איז וויכטיק געווען דער מאָמענט, וואָס דאָ האָבן זיך באַגעגנט ענגליש, די שפּראַך פון די יונגערע יידישע דורות אין אַמעריקע, מיט יידיש, און זיך איינס דאָס אַנדערע געגעבן שלום עליכם. און זאָל עס טאַקע געזאָגט ווערן צום שלום עליכם יאָר, וואָס דער קאָונסיל גרייט זיך צו פייערן אויף גאָר אַ ברייטן פאַרנעם.

מיט אַ 70־80 יאָר צוריק, ווען דער זיידע, מענדעלע, דער העברעאיסט, איז איבערגעגאַנגען צום יידישן לשון און געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר די נאָכ־קומענדיקע יידישע קלאַסיקער: פּרץ, שלום־עליכם, אַש און אַנדערע, האָבן זיך העברעאיש מיט יידיש געגעבן שלום עליכם, און כאָטש ס'איז כסדר פאָרגעקומען די „ריב הלשונות"—איז עס געווען און געבליבן אַ גרויס היסטאָריש געווינס פאַר דער יידישער קולטור איןביידע לשונות. אין אַמעריקע דאַרף פאָרקומען אַ נייער שלום עליכם, אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן ענגליש און יידיש, און דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע, די יידישע קולטור, די יידישע יוגנט וועט בלי ספק דערפון ווערן רייכער און פולער.

**וויליאַם פרידמאַן**

# ביים גרענעץ פון ירדן

מוזיק פון אַדאָלף מאַן

ביים גרענעץ פון ירדן, אין שיין פון לבנה
זעט מען צוויי שומרים אין שטילקייט פון נאַכט.
זיי היטן דעם גרענעץ פון פעדאַאינען
וואָס האָבן דעם ארץ פיל שאָדן געבראַכט.
מ'זעט ווי די שאָטנס פון שונא גאָר נאָענט
זיי קריכן ווי שלאַנגען אין שטילקייט פון נאַכט;
זיי קומען אַליך נעענטער צום גרענעץ וואו ס'וואַרטן
צוויי מוטיקע שומרים אַזוי רואיק און גרייט.
זיי צילן אין פינצטער און ס'הערט זיך אַ קראַך—
די קוילן זיי טרעפן צוויי שונאים אין פינצטער,
אַנדערע לויפן אין שרעק שנעל צוריק.
עס ווערט ווידער שטילער ביים גרענעץ פון ירדן.
די שומרים, צוויי מאַמעס, ווי אָדלער זייער בליק;
זיי היטן זייערע קינדער, זיי היטן דאָס לאַנד,
די טאַטעס אין סיני אויך שלאָגן דעם פיינט.
ווען קריג וועט פאַרשווינדן און שלום וועט קומען,
דאַן וועט מען דאָרט זינגען, מ'וועט טאַנצן פון פרייד—
די ערד ביי דעם ירדן וועט זיין פרוכטבאַר פאַרזייט.

# ליטעראַרישע נאָטיצן

## אהרן גלאַנץ־לעיעלעס — אַ בן־שבעים

צום 70 יאָריקן יובל פון אונדזער חשובן, באַרימטן דיכטער עסייאיסט, גלאַנץ־לעיעלעס, שיקן מיר איבער אונדזערע האַרציקסטע און וואַרעמסטע ברכות און גרוסן.

לעיעלעס איז פון די וויניקע אין אונדזער יידישער ליטעראַטור, וואָס האַלט אַ וואַכזאַם אויג און אַן אָפענעם אויער צו אַלץ וואָס דערשיינט אין אונדזער אימפּעריע יידיש. וויניק פון די פען־מענטשן ביי דער יידישער פּרעסע געפינען פאַר זייער חוב זיך אָפּצורופן מיט אַ דערמוטיקט וואָרט וועגן די ביי־דערשיינענע זשורנאַלעכלעך אין ניו־יאָרק און גאָר באַזונדער אויף דער פּראָווינץ. זאָל דאָ בכן געזאָגט ווערן אים לשבח, אַז זיין ערנסטע און אַחריות'פולע באַציאונג צו אַלץ וואָס איז יידיש־שעפעריש גייט ביט פאַרביי אים אומבאַמערקט.

אין זיין „וועלט און וואָרט" וועגן אונדזער שריפט זאָגט ער:

„עס איז באַזונדערס ווערט צו דערמאָנען דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „חשבון" וואָס דערשיינט אין לאָס אַנדזשעלעס און ווערט רעדאַקטירט דורך דעם בעלעטריסט און פּובליציסט י. פרידלאַנד. אונדז איז גוט באַקאַנט וואָס עס מיינט אַרויסצוגעבן אַ יידישן זשורנאַל היינטיקע צייטן. די קאָסטן זיינען אומגעהויער. דרינגט אויך דערפון, אַז אַן אַ סאָלידער דאָזע אידעאַליזם וואָלט גאָרניט מעגלעך געווען אַז אַ יידישער זשורנאַל זאָל בכלל קאָנען אַרויסגעגעבן ווערן... אַגב דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דער „חשבון" מאַכט אַ גאַנץ פיינעם איינדרוק. ווי אויך פון נומער צו נומער ווערט ער אַלץ בעסער און אינטערעסאַנטער. מיר געפינען אין אים אַ ריי באַגאַבטע בעלעטריסטן, דיכטער און פּובליציסטן."

לויט דער גאָרניט קיין גוטער מערכה וואָס די יידישע זשורנאַלן האָבן ביי דער יידישער קריטיק און בכלל ביי די שרייבערס פון דער יידישער פּרעסע, זיינען גלאַנץ'ס דערמוטנדיקע ווערטער איינספּירירנדיק פאַר אונדזער המשך פון אַקטיווער קולטור שעפערישקייט.

זייט האַרציק געגריסט, חשובער גלאַנץ־לעיעלעס. זייט ממשיך אייער וואונדערלעכע ליטעראַרישע טעטיקייט אומאונטערבראָכן, עד מאה ועשרים.

---

## ליטעראַטור אָוונט און מוזיקאַלישער קאָנצערט

**לכבוד דער דערשיינונג פון י. פרידלאַנדס נייעם בוך: „וואַנדערונגען און נסיונות"** (דערציילונגען) ווערט איינגעאָרדנט פון קולטור־קלוב און בוך־קאָמיטעט — **אַ ליטעראַטור אָוונט און קאָנצערט**

**שבת אָוונט, 6־טן יוני, אין זאַל פון קולטור־קלוב, 4213 מאַנראָו גאַס.**

מיט אַן אָפּשאַצונג איבערן בוך וועט ריידן דער באַוואוסטער שריפטשטעלער **הערי לאַנג**; אין מוזיקאַלישן קאָנצערט וועט אויפטרעטן דער באַרימטער טשעליסט **גדאַל זאַלעסקי.**

---

## שוין דערשינען — „וואַנדערונגען און נסיונות"
(נאָוועלן און דערציילונגען)

### אַ ניי בוך פון י. פרידלאַנד

נאָר וואָר דערשינען דער אויבן־דערמאָנטער בוך פון י. פרידלאַנד. ס'איז דער דריטער בוך פונם מחבר. זיין ערשטער בוך: „רוי־ערד" (זכרונות און דער־ציילונגען), דאָס צווייטע בוך: „פון פּאַסיפיק ביז כנרת" (רעפּאָרטאַזשן), און דאָס נייע בוך: „וואַנדערונגען און נסיונות" (דערציילונגען).

י. פרידלאַנד איז ניט קיין פּנים חדשות אין דער יידישער ליטעראַטור. חוץ די דערמאָנטע ביכער זיינע, האָט ער געדרוקט זיינע שאַפונגען אין „פרייע אַרבעטער שטימע", „יידישער קעמפער", „שטימע", „דער וועג", „מעקסיקאַנער לעבן"; שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „אַמעריקאַנער"; „שריפטן", אַרגענטינע, און פּאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „חשבון".

מיר זיינען איבערציינגט, אַז דער נייער בוך דערציילונגען: „וואַנדערונגען און נסיונות", וועט ניט פאַרשעמען די ערשטע צוויי ביכער זיינע און איר וועט פון דעם בוך גרויס הנאה האָבן.

דאָס בוך ענטהאַלט 256 זייטן, פּרעכטיק שיין אַרויסגעגעבן, פאַר דער צוגענגלעכער פּרייז פון בלויז 3 דאָלער. צו באַקומען ביים בוך־קאָמיטעט, דורך דעם לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור־קלוב, אָדער דירעקט פון דעם מחבר:
I. FRIEDLAND — 4375 Sunset Drive — Los Angeles 27, Calif.

## דערהאַלטענע ביכער

**יחזקאל קאָרנהענדלער:** „ראַשעל"—איר קונסט, איר לעבן, איר יידישקייט. פאַרלאַג „יידיש", פּאַריז, 1958.

**משה וויטיעס:** „עסייען וועגן ליטעראַטור"—דערשינען אין פאַרלאַג „פעדער", ניו־יאָרק, 1958. שיין אַרויסגעגעבן, 277 ז"ז.

**ח. אַיאַלטי:** „וויטער פון ברוקלין"—אַ ראָמאַן פון 205 ז"ז. אַרויסגעגעבן אין מאָנטעווידעאָ, 1958.

**ירמיה העשעלעס:** „סאָנעטן פון תוהו ובוהו"—פאַרלאַג „אייגנוועג", 1958, ניו־יאָרק, 190 ז"ז.

**ע. פערשלייסער:** „אויף שרייבערישע שליאַכן"—קריטישע עסייען. דריי אָפּ־טיילונגען: „מענטש און בוך"; „אין פרעמדע וועלטן", און „דער אייגענער דור." פאַרלאַג הסופר, ניו־יאָרק, 1958. 236 ז"ז.

**משה גלאַזער:** קינדער לידער—18 זייטן, פאַרלאַג „משה", לאָס אַנגעלעס.

**ל. לאַסאָווין:** „אַ חתונה אויפן באַרג לבנון" און אַנדערע דערציילונגען—פאַר־לאַג „יידבוך" אַרגענטינע, 1958. 294 ז"ז.

**י. מאַניק:** „טריט אין באַגינען"—לידער. פאַרלאַג „אַנקער", חיפה. 196 ז"ז.

**בעריש וויינשטיין:** „אַפּקלייב"—יערלעכע אַנטאָלאָגיע פון לידער במשך דעם יאָר 1958.

**מינאַ באָרדאָ־ריווקין:** „לידער און איבערבליקן", מיט אַן הקדמה פון אַבא גאָרדין. בוענאָס איירעס, 96 ז"ז.

**א. אלמי:** „חשבון און סך־הכל"—קאַפּיטלען פון מיין ספר החיים (זכרונות און מחשבות). פאַרלאַג ג. קאַפּלאַנסקי, בוענאָס איירעס, 1959.—360 ז"ז.

**נח גאָלדבערג'ס בוך** „אויף צעוואָרפענע וועגן" איז נאָך פאַרבליבן אַ קליינע צאָל קאָפּיעס. צו באַקומען ביים מחבר:

N. GOLDBERG — 908 So. Normandie Ave., Los Angeles 6, Calif.

**ב. דיימאָנדשטיין:** „דואַליזם", לידער זאַמלונג 1910-1959. פאַרלאַג „ליטע־ראַרישע העפטן", טאָהאָנגאַ, קאַליפ., 128 ז"ז.

## זשורנאַלן און צייטשריפטן:

„אונדזער וועג", שיקאַגע; „אַרגענטינער ביימלעך"; „אילוסטרירטע בלעטער"; „שריפטן", אַרגענטינע; „היימיש", ישראל; „זיין"; „אויפסניי" „קינדער זשורנאַל" „אויפן שוועל", ניו־יאָרק; „די שטימע", „דער וועג", „מעקסיקאַנער לעבן", מעקסיקאָ; „פריילאַנד", פאַריז.

---

# חבל על דאבדין ולא משתכחין

אונדזער חשובער בן־עיר, דער יידיש העברייאישער לערער, **ישראל וויניצקי** ע"ה, האָט איבערגעלאָזט אַ באַדייטנדע געלט צוואה צום פּ.ע.ב. קלוב, צום ייווא אין ניו־יאָרק און צו די שולן אין לאָס אַנדזשעלעס.

דער חלק צום פּ.ע.ב. קלוב האָט באַטראָפן 4,300 דאָלער. ישראל וויניצקי איז געווען אַ צענדליק יאָר אַ לערער ביי די אַרב. רינג שולן, און אַנדערע שולן פון דער ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג. כבוד זיין אנדענק.

---

דער דיכטער **ל. בערקאָוויטש** ע"ה, געווען דאָ אַ תושב במשך אַ דריי צענד־ליק יאָר, איז דעם 29טן אויגוסט, 1958, נפטר געוואָרן. צווישן די הספדים ביי דער לוויה איז אויך געווען דער דיכטער מלך ראַוויטש, וועלכער האָט געווײלט אין ל. א. צו יענער צייט.

ל. בערקאָוויטש איז געווען אַ שטיל, באַשיידענער און עטישער מענטש. כבוד זיין לויטערן אָנדענק.

---

**זלמן שניאור** ז"ל, באַרימטער יידיש־העברייאישער דיכטער און פּראָזע מייסטער, איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 72 יאָר, פרייטיק, דעם 20טן פעבר., ה.י., אין ניו־יאָרק. מער ווי פופציק יאָר איז שניאור געווען שעפעריש און פאַר־עפנטלעכט, חוץ עטלעכע בענד לידער, אַ צאָל פּראָזע ווערק, ראָמאַנען: „נח פּאַנ־דרע", „דער רבי און דער קיסר", „שקלאָווער יידן" און צענדליקער אַנדערע ווערק. כבוד זיין הייליקן אָנדענק.

**יואל ענטין** ז״ל, אין עלטער פון 84 יאָר, איז מיטוואָך דעם 25טן פעבר. נפטר געוואָרן. איינער פון אונדזערע עלטסטע יידישע שרייבער, מיט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור, קריטיק, טעאַטער, יידיש שול־וועזן, און אַקטיווער קולטור־עסקן. מיט גרויס יראַת־הכבוד דערמאָנען מיר זיין הייליקן אָנדענק.

---

**מאַקס האָלצמאַן**, באַוואוסטער קולטור עסקן, איז נפטר געוואָרן דעם 18־טן סעפּטעמבער פ.י. איז געווען אַן אַקטיווער שול־טוער, אַ וואַרעמער שטיצער פון ייוו״א, פון יידישן בוך און בכלל געהאַט אַ באַענטן זינטערעס צו אַלץ וואָס איז געווען קולטורעל שעפערי׳ש אין יידישן לעבן. צום זשורנאַל „חשבון״ האָט ער געהאַט אַ באַזונדער וואַרעמע באַציאונג, ניט נאָר מיט ווערטער, נאָר מיט מעשים. אין האָלצמאַנען ע״ה האָט דער יידיש־יידישער סעקטאָר אין אַמעריקע פאַרלאָרן אַ וויכטיקן עסקן און ערלעכן קולטור אַספּיראַנט. כבוד זיין אָנדענק.

---

## איינדרוקספולער ליטעראַטור אָוונט לטובת דעם זשורנאַל „חשבון״

אויף דער איינלאַדונג פון דער חשובער חברה, גאָלדע אַרפין, איז אין איר פיינער אינטימער היים פאָרגעקומען אַ ביז־גאָר אינטערעסאַנטער ליטעראַרישער אָוונט, פרייטיק, דעם 16טן יאַנואַר.

געעפנט דעם אָוונט האָט די גאַסטפריינדלעכע גאָלדע אַרפין, אויסדריקנדיק איר צופרידנקייט מיט דער געלעגנהייט צו קענען איינאָרדענען די וויכטיקע מסיבה לטובת דעם זשורנאַל, און האָט איבערגעגעבן דעם פאָרזיץ צו דעם שריפט־שטעלער, נח גאָלדבערג.

אין דעם אָוונט האָבן אנטייל גענומען: דער דיכטער מאַטעס דייטש האָט פאָרגעלייענט פון לוצקיס לידער; דער באַקאַנטער וואָרט־קינסטלער, יעקב ניומאַן, האָט פאָרגעלייענט אַ דערציילונג פון נח גאָלדבערג; דער רעדאַקטאָר פון „חשבון״ י. פרידלאַנד, האָט געלייענט אַן אָפּהאַנדלונג פון דעם שריפטשטעלער, ד״ר רעבעלסקי, איבער די ביז איצט דערשינענע 16 נומערן „חשבון״ און פאָרענדיקט מיט תכליתדיקע באַמערקונגען וועגן זשורנאַל און זיין פעריפעריע. חברה פעלדמאַן, גאַסט פון מאָנטרעאַל, האָט פרעכטיק רעציטירט לידער פון אונדזער ליטעראַטור.

די פאַרזאַמלטע האָבן דערנאָך חבריש פאַרוויילט ביי אַ טעפּעלע קאַווע און כיבוד אין אַ געהויבענער שטימונג און אַטמאָספערע.

---

**אַ ליטעראַרישער אָוונט לכבוד דער דערשיינונג פון דעם נייעם נומער (17) זשורנאַל „חשבון״ וועט דורכגעפירט ווערן אין יידישן קול־טור קלוב, שבת דעם 16טן מאַי, מיט אַ פאַסיקע ליטעראַרישע פּראָגראַם.**

---

**אויפמערקזאַם!** באַנייט אייער אַבאָנימענט אויפן זשורנאַל „חשבון״. וואַרט ניט מ׳זאָל אייך דערמאָנען עטלעכע מאָל. ס׳איז אייער חוב אויפצוהאַלטן אַ שריפט אויף יידיש, וואָס דערשיינט אין דער גרויסער יידישער לאָס אַנגעלעס.

---

# ערן־רשימה פון מיטבויער פון זשורנאַל „חשבון“
## באַגריסונגען צום 5-טן יאָרגאַנג

חבר און חברה:

ד״ר דוד רעבעלסקי — סט. לואיס
יעקב קאַטץ — שיקאַגאָ
חברה פעלדמאַן — מאָנטרעאַל
ה. גיסין — ברידזשוואָטער, מאַס.
ש. וואוזעק, ראָטשעסטער, אין אָנדענק פונם פאָעט ל. בערקאָוויטש
ליזע און ווילי שאָר
יעטע און ז. בונין
שלמה צוקערמאַן
גאָלדע אָרפּין
י. פרידלאַנד
נח גאָלדבערג
מאַטעס דייטש
א. כראַבלאָווסקי
יצחק ניומאַן
פּינטשע בערמאַן
ברכה קודלי
משה אָדערבערג
מאיר אָסטראָפּסקי
י. סאָפּיאַן
א. באַביטש
מ. באַראַן
יוסף גאָלדבערג
י. וויינמאַן
יעקב ניומאַן
מאיר דראָזד
א. ראַשעל
ה. וויסעל
אייב שוואַרץ

חבר און חברה:

וויליאַם פרידמאַן
איזידאָר גרינשפּאַן
שמואל ברייניך
נתן אָזאָלין
י. מאַראַן
ה. שטערנפעלד
פ. ראַפּאָפּאָרט
אירווינג מען
ש. קאַרפּמאַן
מ. ל. קאָפּעלאָף
סעם אייבראַמסאָן
יוסף שפּיגלמאַן
משה קאַפּלאַן
ד״ר בענעש

### ה. רויזענבלאַט לייען-קרייז

**באַגריסט דעם „חשבון צו זיין 5טן יאָרגאַנג.**

גאָסי סאַרטאָ, סעקרעטאַר

### גאָלדבלום לייען-קרייז

חייקע באַנק, סעקרעטאַר

### ה. לייוויק לייען-קרייז

שרה פּאָגארעלסקי, סעקרעטאַר

### יהואָש לייען קרייז

קלאַראַ סילווער, קאַסירער

### דוד פּינסקי לייען-קרייז

סימע גאָלדבערג, סעקרעטאַר

דורך דער באַמיאונג פון אונדזער ליבן חבר א. ש. ווייזעל, האָבן די פאָלגנדיקע פריינט בייגעשטייערט צום „חשבון“:

בערל ווייזעל — ליאָ ווייזעל — רבקה אָשרי — ב. טאַנדזשול

אין הייליקן אָנדענק פון זייער ליבן פריינט, מאַקס בריסקין, באַוואוסטער נדבן און עסקן פון שיקאַגע, וועלכער איז נפטר געוואָרן דעם 11טן פעברואַר, 1959. כבוד זיין לויטערן אָנדענק.